# זֶה הַשַּׁעַר לַה׳ צַדִּיקִים יָבוֹאוּ בוֹ

סֵפֶר

# לִקּוּטֵי־מוֹהֲרַ״ן

הַנִּכְבָּד וְהַנּוֹרָא, מִי כָּמוֹהוּ מוֹרֶה, הַיּוֹצֵא בִּקְדֻשָּׁה וּבְטָהֳרָה, מִפִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים, נְבוֹן לַחַשׁ וַחֲכַם חֲרָשִׁים. הֲלֹא הוּא כְּבוֹד אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב הָאֱמֶת, הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ הָאֲמִתִּי, נַחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה, אוֹר יִשְׂרָאֵל וּקְדוֹשׁוֹ, הַמְפֻרְסָם בְּכָל קַצְוֵי אֶרֶץ וְיָם רְחוֹקִים. שְׁמוֹ קֹדֶשׁ. מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ, הָרַב רַבִּי **נַחְמָן** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, מִקְּהִלַּת **בְּרֶסְלֶב**, בְּהָרַב הַוָּתִיק וְחָסִיד, מוֹרֵנוּ הָרַב שִׂמְחָה זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, בֶּן לְאוֹתוֹ צַדִּיק, הָרַב הַקָּדוֹשׁ הַמְפֻרְסָם, מוֹרֵנוּ הָרַב נַחְמָן הָארִידֶענְקֶיר זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. וּמִצַּד אִמּוֹ הַצַּדֶּקֶת הַמְפֻרְסֶמֶת בְּשֵׁם טוֹב, מָרַת פֵיגָא זצ״ל. הוּא נִין וָנֶכֶד לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ, רַבָּן שֶׁל כָּל יִשְׂרָאֵל, קָדוֹשׁ שְׁמוֹ, מוֹרֵנוּ הָרַב **יִשְׂרָאֵל בַּעַל־שֵׁם־טוֹב** זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה. יִשְׂמַח אָבִיךָ וְאִמֶּךָ וְתָגֵל יוֹלַדְתֶּךָ. עֲטֶרֶת זְקֵנִים בְּנֵי בָנִים. בִּזְכוּתָם יָאִיר עָלֵינוּ חַסְדֵי דָוִד הַנֶּאֱמָנִים. וְנִזְכֶּה לַחֲזוֹת בְּנֹעַם ה׳ פָּנִים אֶל פָּנִים. חִישׁ קַל מְהֵרָה נָשׁוּב לְצִיּוֹן בִּרְנָנִים. בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן:

עִם פֵּירוּשׁ

## שִׂפְתֵי תִפְתָּח

אִידִישׁ

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# זֵכֶר עוֹלָם יִהְיֶה צַדִּיק

לִכְבוֹד נִשְׁמַת מְאוֹר עֵינֵינוּ חִיּוּת נַפְשֵׁנוּ,

אֲשֶׁר נָשָׂא אוֹתָנוּ עַל לִבּוֹ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת הַיּוֹנֵק, לְהַחֲיוֹתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה, לְהַטְעִימֵנוּ מִצּוּף עֲרֵבוּת נְעִימוּת, יְדִידוּת, זִיו הֶאָרַת שְׁכִינַת עֻזּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהֶחְדִּיר בְּרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ - אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזֻכֶּכֶת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְקֵרֵב אַלְפֵי נְשָׁמוֹת אֶל הַחֵן וְהַיֹּפִי אֲשֶׁר בַּנַּחַל נוֹבֵעַ מְקוֹר חָכְמָה שׁוֹרֶה, הוּא נִיהוּ הָרַב הַגָּאוֹן הַצַּדִּיק, אִישׁ הָאֶשְׁכּוֹלוֹת - שֶׁהַכֹּל בּוֹ, הֶחָסִיד הָאֲמִתִּי עוֹבֵד ה' בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, מָסַר נַפְשׁוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּכָל יוֹם וָיוֹם מִיּוֹם עָמְדוֹ עַל דַּעְתּוֹ, וְסָבַל יִסּוּרִים קָשִׁים וּמָרִים כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַבִּים הֵשִׁיב מֵעָוֹן וְקֵרְבָם אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, הֶעֱמִיד תַּלְמִידִים רַבִּים, יִרְאֵי ה' וְחוֹשְׁבֵי שְׁמוֹ, בַּעַל הַמְחַבֵּר סִפְרֵי שׁוּ"ת 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', וְסֵפֶר 'שְׂפַת הַנַּחַל' פֵּרוּשׁ עַל הַסֵּפֶר הַקָּדוֹשׁ לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וְקִבֵּץ וְלִקֵּט סְפָרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מִדִּבְרֵי רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ מוֹהֲרַ"ן מִבְּרֶסְלֶב, וְתַלְמִידוֹ הַקָּדוֹשׁ מוֹהַרְנַ"תְּ - זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ. וְהֵפִיצָם בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, וּבִפְרָטִיּוּת הַקּוּנְטְרֵסִים הַמְּפֻרְסָמִים שֶׁהֶחֱיוּ אֲלָפִים וְרִבְבוֹת נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, וְחִזְּקוּ אוֹתָם לַחֲזוֹר בִּתְשׁוּבָה.

עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ, נֵזֶר תִּפְאַרְתֵּנוּ, הַמַּלְאָךְ הַנִּצָּב עַל רֹאשׁ דֶּרֶךְ, עַמּוּד הָאֵשׁ אֲשֶׁר לִפְנֵי הַמַּחֲנֶה, מוֹרֶה דֶּרֶךְ וּמְשׁוֹבֵב נְתִיבוֹת

מוֹרֵנוּ וּמְאוֹרֵנוּ

## רַבִּי אֱלִיעֶזֶר שְׁלֹמֹה זצוקללה"ה

בֶּן הַגָּאוֹן רַבִּי מְנַחֵם זְאֵב זַצַ"ל

הָרַב מִטּאֹקַאי וּבַעַל הַ'מִּנְחַת זְאֵב' וְעוֹד

**זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וְעַל כָּל יִשְׂרָאֵל**

בְּחַד קְטִירָא אִתְקַטִּיר לִישִׁיבָה שֶׁל מַעְלָה

לְהִתְלוֹנֵן בְּצֵל צַח הַצַּדִּיקִים אֲשֶׁר בְּגַן עֵדֶן

י"ז שְׁבָט תשע"ה

**תְּהֵא נִשְׁמָתוֹ הַקְּדוֹשָׁה צְרוּרָה בִּצְרוֹר הַחַיִּים**

# הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

מורינו **ראש הישיבה** שליט"א

וזוגתו

**אסתר גיטל** תחי',

וילדיהם

**שלמה ומשפ',**

**אלחנן חיים ומשפ',**

**מרים העניא זיסל ומשפ',**

**שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי,**

**רחל לאה, יוסף, מנחם, יחזקאל.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה ויתברכו מפי עליון בבני חיי ומזוני רוויחא ויזכו לרות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם

**אמן כן יהי רצון**

# הַקְדָמָה

דָוִד הַמֶלֶךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים נא, יז): "ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח" הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶפְן מִיר מַיין מויל, "וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ" אִיךְ זָאל דִיךְ קֶענֶען דַאנְקֶען אוּן לויבְּן. וַוייל צוּלִיבּ דֶעם הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, מִיר זָאלְן וִויסְן אוּן אַנֶערְקֶענֶען אַז עֶר הָאט אַלֶעס בַּאשַׁאפְן, עֶר פִירְט אַלֶעס, אוּן אִים דַאנְקֶען אוּן לויבְּן. דָאס אִיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז; עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז אַ קְלָארֶע, לויטֶערֶע, רֵיינֶע אֱמוּנָה, מֶען הויבְּט אָן שְׁפִּירְן 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר', אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ שְׁפִּירְן - עֶפְנְט זִיךְ דִי מויל אוּן מֶען הויבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער פֵּירוּשׁ "שְׂפָתַי תִּפְתָּח" אִיז אַ גְרִינְגֶע לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אויפְ'ן הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. דֶער פֵּירוּשׁ אִיז גֶעבּוֹיט אויף דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּנֶעם גְרויסְן צַדִיק מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: שְׂפַת הַנַּחַל, דְרָשׁוֹת מוֹהֲרָא"שׁ אוּן סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוּן גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אויף אַ גְרִינְגֶע וֶועג פַאר דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים, אַז דִי הַיינְטִיגֶע מֹחוֹת זָאלְן אויךְ הָאבְּן אַ טַעַם אוּן אַ גֶעפִיל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. זֵיי זָאלְן אויךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט) מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, אוּן וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת - וֶועט זִיךְ אִים אויפְשְׁטָאפְּן אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן.

**אִיךְ** הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבּן דֶעם סֵפֶר "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן עֶפְנְט אוֹיף דִי מוֹיל צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תְּרוּמוֹת א, ג): "סְתָם חֵרֵשׁ - שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר", טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ס) פַארְוָואס רֶעדְט אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וַוייל עֶר אִיז 'אֵינוֹ שׁוֹמֵעַ' בְּקוֹל צַדִיקִים, אַז מֶען הֶערְט נִישְׁט דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים - אִיז מֶען אַן 'אֵינוֹ מְדַבֵּר', רֶעדְט מֶען נִישְׁט צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אָבֶער אַז מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן צַדִיק, מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סֵפֶר לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן - וֶוערְט "שְׂפָתַי תִּפְתָּח", דִי לִיפְּן עֶפֶענֶען זִיךְ, מֶען הוֹיבְּט אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**אוֹיךְ** אִין דִי וָוארְט 'שְׂפָתַי' אִיז דָא דִי וָוארְט 'שְׂפַת' וַוייל דָאס אִיז גֶעבּוֹיט אוֹיפְן הֵיילִיגְן סֵפֶר "שְׂפַת הַנַּחַל" אוּן אִינֶעם אוֹת יוּ"ד אִיז מְרוּמָז מַיין נָאמֶען.

**דֶער** אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוּן פַארֶערִכְטְן אַלֶעם וָואס אִיךְ דַארְף מְתַקֵּן זַיין; מַיין נֶפֶשׁ, רוּחַ וּנְשָׁמָה. אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן שֶׁעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה, וֶוען עֶס וֶועט זַיין וּ'מֶלֶךְ אֶ'חָד יִ'הְיֶה לְ'כֻלָּם (יְחֶזְקֵאל לז, כב)

## ו

**וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה, קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ וְכוּ'** (דְּבָרִים ל"א)

**א כִּי צָרִיךְ** כָּל אָדָם לְמַעֵט בִּכְבוֹד עַצְמוֹ וּלְהַרְבּוֹת בִּכְבוֹד הַמָּקוֹם. כִּי מִי שֶׁרוֹדֵף אַחַר הַכָּבוֹד, אֵינוֹ זוֹכֶה לִכְבוֹד אֱלֹקִים, אֶלָּא לִכְבוֹד שֶׁל מְלָכִים, שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ (מִשְׁלֵי כ"ה): "כְּבֹד מְלָכִים חֲקֹר דָּבָר", וְהַכֹּל חוֹקְרִים אַחֲרָיו וְשׁוֹאֲלִים: מִי הוּא זֶה וְאֵיזֶהוּ, שֶׁחוֹלְקִים לוֹ כָּבוֹד הַזֶּה, וְחוֹלְקִים עָלָיו, שֶׁאוֹמְרִים שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לַכָּבוֹד הַזֶּה.

**אֲבָל** מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַכָּבוֹד, שֶׁמְּמַעֵט בִּכְבוֹד עַצְמוֹ וּמַרְבֶּה בִּכְבוֹד הַמָּקוֹם, אֲזַי הוּא זוֹכֶה לִכְבוֹד אֱלֹהִים,

**ו וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה, קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ וְכוּ'** (דְּבָרִים ל"א, יד)

**א כִּי צָרִיךְ כָּל אָדָם לְמַעֵט בִּכְבוֹד עַצְמוֹ** יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף פַארְמִינֶערְן אִין זַיין אֵייגֶענֶע כָּבוֹד, **וּלְהַרְבּוֹת בִּכְבוֹד הַמָּקוֹם** אוּן נָאר זוּכְן ווִי עֶר קֶען פַארְמֶערְן כָּבוֹד פַארְן אֵייבֶערְשְׁטְן, וָואס דִי צְווֵיי זַאכְן זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אֵיינְס אִינֶעם צְווֵייטְן; דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל בַּיי זִיךְ, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר אַנְטְלוֹיפְט פוּן כָּבוֹד, עֶר מַאכְט נִישְׁט קַיין מְצִיאוּת פוּן זִיךְ, עֶר ווייסְט אַז אַלֶעס וָואס עֶר הָאט אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן - דֶער פַארְמֶערְט דִי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, אוּן חַס וְשָׁלוֹם דֶער וָואס גְרוֹיסְט זִיךְ - אוֹיף אִים זָאגְט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער (סוֹטָה ה.): 'אֵין אֲנִי וָהוּא יְכוֹלִים לָדוּר כְּאֶחָד' אִיךְ קֶען נִישְׁט וואוֹינֶען מִיט אִים; עֶר שְׁטוּפְּט אַוֶועק כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן. **כִּי מִי שֶׁרוֹדֵף אַחַר הַכָּבוֹד** ווַייל דֶער וָואס לוֹיפְט נָאךְ כָּבוֹד, **אֵינוֹ זוֹכֶה לִכְבוֹד אֱלֹקִים** קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ כְּבוֹד אֱלֹקִים, **אֶלָּא לְכָבוֹד שֶׁל מְלָכִים** נָאר צוּ כָּבוֹד פוּן קֶענִיגְן, **שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ** וָואס בַּיי דֶעם שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כה, ב): **'כְּבֹד מְלָכִים'** דֶער כָּבוֹד פוּן קֶענִיגְן, **'חֲקֹר דָּבָר'** אִיז צוּ פָארְשְׁן זֵייעֶר גְרוֹיסְקֵייט, **וְהַכֹּל חוֹקְרִים אַחֲרָיו וְשׁוֹאֲלִים** מֶען פְרֶעגְט, **מִי הוּא זֶה** וֶוער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ, **וְאֵיזֶהוּ** אוּן וָואס אִיז עֶר, **שֶׁחוֹלְקִים לוֹ כָּבוֹד הַזֶּה** אַז מֶען גֶעבְּט אִים אַזַא כָּבוֹד? **וְחוֹלְקִים עָלָיו** אוּן מֶען קְרִיגְט אוֹיף אִים; **שֶׁאוֹמְרִים** מֶען זָאגְט אוֹיף אִים - **שֶׁאֵינוֹ רָאוּי לַכָּבוֹד הַזֶּה** דֶער מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט ווערְד צוּ הָאבְּן כָּבוֹד. דָאס זוּכְן אוּן נָאכְגֵיין כָּבוֹד - דָאס אִיז דֶער גוֹרֵם פוּן מַחֲלֹקֶת; ווִי מֶער מֶען זוּכְט צוּ מַאכְן אַ מְצִיאוּת פוּן זִיךְ, מֶען רַייסְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן - אַלְץ מֶער טוּט מֶען אוֹיסְפָארְשְׁן אוֹיבּ עֶר אִיז טַאקֶע רָאוּי פַאר דִי כָּבוֹד, אוּן מֶען הוֹיבְּט אִים אָן פַארְשֶׁעמֶען וְכוּ'.

**אֲבָל מִי שֶׁבּוֹרֵחַ מִן הַכָּבוֹד** אָבֶּער דֶער וָואס לוֹיפְט אַוֶועק פוּן כָּבוֹד, **שֶׁמְּמַעֵט בִּכְבוֹד עַצְמוֹ** עֶר פַארְמִינֶערְט דִי אֵייגֶענֶע כָּבוֹד, **וּמַרְבֶּה בִּכְבוֹד הַמָּקוֹם** עֶר זוּכְט נָאר צוּ פַארְמֶערְן דִי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, **אֲזַי הוּא זוֹכֶה** דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה - **לִכְבוֹד אֱלֹהִים** צוּ כְּבוֹד אֱלֹקִים, אַ גֶ-טְ'לִיכֶער כָּבוֹד; עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דֶעם

**וְאָז אֵין בְּנֵי־אָדָם חוֹקְרִים עַל כְּבוֹדוֹ אִם הוּא רָאוּי אִם לָאו, וְעָלָיו נֶאֱמַר** (שָׁם): **"כְּבֹד אֱלֹהִים הַסְתֵּר דָּבָר", כִּי אָסוּר לַחֲקֹר עַל הַכָּבוֹד הַזֶּה.**

אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס שַׁיינְט אוֹיף אִים דִּי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע אַיינְגֶענֶעמֶע גֶעפִיל פוּן דִּי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, וְאָז אוּן דֶעמָאלְט, **אֵין בְּנֵי אָדָם חוֹקְרִים עַל כְּבוֹדוֹ** טוּעֶן נִישְׁט מֶענְטְשְׁן אוֹיסְפָּארְשְׁן זַיין כָּבוֹד, **אִם הוּא רָאוּי אִם לָאו** אוֹיבּ עֶר אִיז וֶוערְד אָדֶער נִישְׁט. קֵיינֶער וֵוייסְט דָאךְ נִישְׁט צוּ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, עֶס אִיז דָאךְ בַּאהַאלְטְן פוּן דִּי גַאנְצֶע וֶועלְט, **וְעָלָיו נֶאֱמַר** אוּן אוֹיף אִים שְׁטֵייט (שָׁם): '**כְּבֹד אֱלֹקִים**' דִּי כָּבוֹד פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, '**הַסְתֵּר דָּבָר**' אִיז צוּ בַּאהַאלְטְן דִּי רֵייד, **כִּי אָסוּר לַחֲקֹר עַל הַכָּבוֹד הַזֶּה** וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט פָּארְשְׁן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס כָּבוֹד; וַוייל דֶער עִיקָר מַחֲלֹקֶת וָואס אִיז דָא אוֹיף מֶענְטְשְׁן אִיז נָאר וֶוען מֶען וִויל כָּבוֹד, מֶען וִויל זַיין עֶפֶּעס, מֶען שֵׁיידְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם. אָבֶער וֶוען מֶען נֶעמְט אַרֵיין אִין זִיךְ דִּי אֱמוּנָה, מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וֶוערְט אוֹיטָאמַאטִישׁ בָּטֵל דִּי גַּאֲוָה, עֶס אִיז נִישְׁטָא דֶער 'אִיךְ', דֶער 'זִיךְ', דֶער 'מִיךְ', מֶען שְׁפִּירְט אַז אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶס אִיז מְמַלֵּא כָּל עָלְמִין וְסוֹבֵב כָּל עָלְמִין וּבְתוֹךְ כָּל עָלְמִין, אוֹיף דֶעם אִיז נִישְׁטָא קַיין קִנְאָה אוּן מַחֲלֹקֶת, וַוייל קֵיינֶער וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּאהַאלְטְן אוּן פַארְהוֹילְן פוּן אַלֶעמֶען. [אַיי וֶועסְטוּ פְרֶעגְן, מֶען זֶעט דָאךְ אַז אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים אִיז גֶעוֶועְן מַחֲלֹקֶת; אוֹיף דִּי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוֹיף אַלֶע נְבִיאִים, אוֹיף דִּי תַּנָּאִים, אֲמוֹרָאִים, אוּן אוֹיף דִּי הֵיילִיגֶע אֶמֶת'עֶ צַדִּיקִים פוּן אַלֶע דוֹרוֹת וָואס הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ כְּבוֹד אֱלֹקִים, וָואס אוֹיף דֶעם שְׁטֵייט 'הַסְתֵּר דָּבָר' שֶׁאָסוּר לַחְקוֹר, וָואס מֶען טָאר נִישְׁט חוֹקֵר זַיין אוֹיף דִּי כָּבוֹד, אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט מֶען גֶעקְרִיגְט אוֹיף זֵיי, מֶען הָאט חוֹקֵר גֶעוֶועְן אוֹיף זֵיי, מֶען הָאט פַארְגָאסְן זֵייעֶר בְּלוּט, וִוי קֶען דָאס זַיין? נָאר אִין דֶעם לִיגְט אַ טִיפֶע בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹד, דִּי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי זֶענֶען שְׁטֶענְדִיג אִין אַ סַכָּנָה אַז דִּי סִטְרָא אַחֲרָא אוּן דִּי קְלִיפּוֹת זָאלְן זֵיי נִישְׁט שֶׁעדִיגְן, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? עֶר מַאכְט עֶס זָאל זַיין אוֹיף זֵיי מַחֲלֹקֶת אוּן דָאס הִיט זֵיי אָפּ].

**ב וְאִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת לַכָּבוֹד הַזֶּה, אֶלָּא עַל־יְדֵי תְּשׁוּבָה.**

ב

**יֶעצְט** זָאגְט דֶער רֶבִּי וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם; פַארְמֶערְן דִּי כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְמֶערְן כָּבוֹד פַאר זִיךְ. **וְאִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת לַכָּבוֹד הַזֶּה** מֶען קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ כְּבוֹד אֱלֹקִים, שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – **אֶלָּא עַל יְדֵי תְּשׁוּבָה** נָאר אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה. וַוייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט, מֶען טוּט עֲבֵירוֹת – וֶוערְט פַארְשְׁטֶעלְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה נט, ב): 'כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם וְחַטֹּאותֵיכֶם הִסְתִּירוּ פָנִים

**וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה — כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ, יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק, כִּי לֵית כָּבוֹד בְּלֹא כָּ"ף, וְהַכָּ"ף הוּא כֶּתֶר, בְּחִינַת אֶהְיֶה, בְּחִינַת תְּשׁוּבָה,**

**כִּי אֶהְיֶה דָא אֲנָא זָמִין לְמֶהֱוֵי. הַיְנוּ קֹדֶם הַתְּשׁוּבָה, עֲדַיִן אֵין לוֹ הֲוָיָה, כְּאִלּוּ עֲדַיִן לֹא נִתְהַוָּה בָּעוֹלָם, כִּי טוֹב לוֹ שֶׁלֹּא נִבְרָא מִשֶּׁנִּבְרָא, וּכְשֶׁבָּא לְטַהֵר אֶת עַצְמוֹ וְלַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, אָז הוּא בִּבְחִינַת אֶהְיֶה, הַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ הֲוָיָה בָּעוֹלָם, הַיְנוּ אֲנָא זָמִין לְמֶהֱוֵי.**

מִכֶּם מִשְׁמוּעַ׳, דוּרְךְ עֲבֵירוֹת וֶוערְט פַארְשְׁטֶעלְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה – אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אוּן נֶעמְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶס הוֹיבְּט אָן שַׁיינֶען אוֹיפְן מֶענְטְשׁ דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְעִקַּר** הַתְּשׁוּבָה אוּן דֶער עִיקָר פוּן תְּשׁוּבָה אִיז, כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ וֶוען מֶען הֶערְט ווִי מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים – יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, מֶען נֶעמְט עֶס אָן מִיט לִיבְּשַׁאפְט, מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פִּנְחָס רנה:): ׳כִּי לֵית כָּבוֹד׳ מֶען קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ כְּבוֹד אֱלֹקִים, שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – ׳בְּלֹא כָּ"ף׳ נָאר דוּרְךְ אוֹת כ׳. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טַייטְשְׁן אַז כָּף אִיז טַייטְשׁ אַיינְגֶעבּוֹיגְן, זִיךְ אַיינְבֵּייגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס הֵייסְט, נָאר דֶער וָואס בֵּייגְט זִיךְ אַיין דֶעם קָאפּ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער וָואס אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, עֶר הָאט בִּזְיוֹנוֹת – שְׁוַוייגְט עֶר אָפּ, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס קוּמְט אִים דִי אַלֶע בִּזְיוֹנוֹת, אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ כְּבוֹד אֱלֹקִים, וְ׳הַכָּ"ף הוּא כֶּתֶר׳ אוּן דוּרְךְ ׳זַיין בַּיי זִיךְ אַיינְגֶעבּוֹיגְן׳ אַזוֹי ווִי דִי אוֹת כ – אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, דִי מַדְרֵיגָה פוּן ׳כֶּתֶר׳, מֶען קוּמְט אָן אַזוֹי הוֹיךְ בִּיזְן קְרוֹין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּחִינַת וָואס וַוייזְט אוֹיף דִי שֵׁם אֶהְיֶה אֶ-קֱ-יֶ-ה, בְּחִינַת תְּשׁוּבָה וָואס אֶ-קֱ-יֶ-ה אִיז דִי שֵׁם פוּן תְּשׁוּבָה.

**כִּי אֶהְיֶה** וַוייל דִי שֵׁם אֶ-קֱ-יֶ-ה – **דָא** טַייטְשְׁט **אֲנָא** זָמִין לְמֶהֱוֵי אִיךְ ווִיל זַיין, דָאס אִיז תְּשׁוּבָה, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נֶעבֶּעךְ גֶעטוּן עֲבֵירוֹת זָאגְט ׳אִיךְ ווִיל זַיין גוּט׳. הַיְנוּ קֹדֶם הַתְּשׁוּבָה וַוייל אֵיידֶער דֶער מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה, עֲדַיִן אֵין לוֹ הֲוָיָה אִיז עֶר גָארְנִישְׁט, כְּאִלּוּ עֲדַיִן לֹא נִתְהַוָּה בָּעוֹלָם עֶס אִיז אַזוֹי ווִי עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (עֵירוּבִין יג:), כִּי טוֹב לוֹ עֶס אִיז אִים בֶּעסֶער, שֶׁלֹּא נִבְרָא וֶוען עֶר ווָאלְט נִישְׁט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן, מִשֶּׁנִּבְרָא פוּן יָא בַּאשַׁאפְן וֶוערְן; וַוייל אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז מֶען אִין אַ סַכָּנָה פוּן טוּן עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, וּכְשֶׁבָּא לְטַהֵר אֶת עַצְמוֹ אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט זִיךְ רֵיינִיגְן, עֶר ווִיל פַארֶערְכְטְן, וְלַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה אוּן תְּשׁוּבָה טוּן – אָז הוּא בִּבְחִינַת אֶהְיֶה אִיז עֶר בַּיי דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן אֶ-קֱ-יֶ-ה, ׳אִיךְ ווִיל זַיין גוּט׳, הַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ הֲוָיָה בָּעוֹלָם יֶעצְט לוֹינְט אִים צוּ זַיין אוֹיף

**וְזֶה בְּחִינַת כֶּתֶר, כִּי כֶּתֶר לְשׁוֹן הַמְתָּנָה, בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (יוֹמָא לח: לט.)**: 'הַבָּא לִטָּהֵר מְסַיְּעִין לוֹ מָשָׁל לְאֶחָד, שֶׁבָּא לִקְנוֹת אֲפַרְסְמוֹן. אוֹמְרִים לוֹ: הַמְתֵּן' וְכוּ', וְזֶה**

די וועלט, הַיְנוּ **אֲנָא** זָמִין לְמֶהֱוֵי עֶר זָאגְט פַארְן אײבֶּערְשְׁטְן: 'הייליגער בַּאשֶׁעפֶער יֶעצְט בִּין אִיךְ נִישְׁט ווי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אָבֶּער אִיךְ ווִיל זַיין גוּט, אִיךְ ווִיל זַיין עֶרְלִיךְ', אַזוֹי אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ פַארְמֶערְן די כָּבוֹד פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן, דַאן אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ די מַדְרֵיגָה פוּן כֶּתֶר, מֶען קוּמְט אָן אַזוֹי הוֹיךְ בִּיזְן קְרוֹין פוּנֶעם אײבֶּערְשְׁטְן.

**יֶעצְט** זָאגְט דֶער רֶבִּי, מֶען דַארְף אָבֶּער הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת צוּצוּקוּמֶען צוּ די הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן 'כֶּתֶר'. וְזֶה בְּחִינַת כֶּתֶר דָאס וָוארְט כֶּתֶר הָאט נָאךְ אַ טַייטְשׁ, כִּי כֶּתֶר לְשׁוֹן הַמְתָּנָה דָאס וָוארְט כֶּתֶר טַייטְשְׁט אוֹיךְ 'וַוארְטְן', בְּחִינַת תְּשׁוּבָה וָואס דָאס אִיז אַ תְּנַאי אִין תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען דַארְף אַסַאךְ וַוארְטְן אוּן הָאפְן צוּם אײבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ קְדוּשָּׁה. כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי ווי די הייליגע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (יוֹמָא לח: לט.): 'בָּא לְטַמֵּא פּוֹתְחִין לוֹ' ווֶער עֶס ווִיל טוּן עֲבֵירוֹת - עֶפְנְט מֶען אִים אוֹיף אַ טִיר, '**הַבָּא** לִטָּהֵר מְסַיְּעִין לוֹ' אוּן דֶער וָואס ווִיל זִיךְ אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן עֲבֵירוֹת - הֶעלְפְט מֶען אִים, 'מָשָׁל לְאֶחָד' אַ מָשָׁל צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל קוֹיפְן נַאפְט, ווֶעט אִים דֶער פַארְקוֹיפֶער זָאגְן, מֶעסְט זִיךְ דָאס אַלֵיין אָפּ, אָבֶּער דֶער מֶענְטְשׁ, שֶׁבָּא לִקְנוֹת אֲפַרְסְמוֹן וָואס ווִיל קוֹיפְן גוּטֶע שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים, **אוֹמְרִים** לוֹ זָאגְט אִים דֶער פַארְקוֹיפֶער: 'הַמְתֵּן' וַוארְט, וְכוּ' 'עַד שֶׁאֶמְדֹּד עִמְּךָ' בִּיז אִיךְ ווֶעל אִינְאֵיינֶעם מִיט דִיר אָפְּמֶעסְטְן, 'כְּדֵי שֶׁנִּתְבַּשֵּׂם אֲנִי וְאַתָּה' אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ ווֶערְן אָנְגֶעזַאפְּט פוּן די גוּטֶע שְׁמֶעק, עַיֵּין שָׁם.

**וַוייל** ווֶען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל חַס וְשָׁלוֹם טוּן עֲבֵירוֹת - עֶפְנְט מֶען אִים אוֹיף אַ טִיר, מֶען לָאזְט אִים טוּן וָואס עֶר ווִיל, וַוייל דָאס אִיז די בְּחִירָה וָואס דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט, אוּן דָאס אִיז די מָשָׁל פוּן קוֹיפְן נַאפְט; אַז ווֶען מֶען ווִיל טוּן עֲבֵירוֹת וָואס גֶעבְּט אַרוֹיס אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע גֶערוּךְ אַזוֹי ווי נַאפְט, זָאגְט מֶען אִים גְלַייךְ: 'גֵיי', מֶען פַארְטְרַייבְּט אִים, אָבֶּער ווֶען אֵיינֶער ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, זָאגְט מֶען 'הַמְתֵּן' - וַוארְט, אַזוֹי ווי אֵיינֶער וָואס קוּמְט קוֹיפְן בְּשָׂמִים בַּאקוּמְט עֶר נִישְׁט גְלַייךְ, נָאר עֶר דַארְף אַבִּיסְל וַוארְטְן; די זֶעלְבֶּע אִיז דָא, כִּבְיָכוֹל דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אִים וַוארְט, 'כְּדֵי שֶׁנִּתְבַּשֵּׂם אֲנִי וְאַתָּה' אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ ווֶערְן אָנְגֶעזַאפְּט פוּן די גוּטֶע שְׁמֶעק; וַוייל פוּן אֵיין זַייט אִיז דָאס די גְרֶעסְטֶע פַארְגֶעניגְן בַּיים אײבֶּערְשְׁטְן, ווֶען אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וַוייט קֶערְט זִיךְ צוּרִיק, עֶר קוּמְט קוֹיפְן אֲפַרְסְמוֹן, עֶר ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער פוּן די אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס פַארְן מֶענְטְשׁ אוֹיךְ אַ נִסָּיוֹן וָואס מֶען פְּרוּבִּירְט אִים אוֹיס, מֶען זָאגְט אִים וַוארְט, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט אִין אֵיין סֶעקוּנְדֶע אַרַיינְגֵיין אִין די קְדוּשָּׁה אוּן

גְלייךְ שְׁפִּירְן דֶעם אייבֶּערשְׁטְן, נָאר מֶען דַארְף אַבִּיסְל וַוארְטְן מִיט סַבְלָנוּת אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, אוּן צוּם סוֹף אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זֶען שֵׁיינֶע זַאכְן.

**בְּחִינַת כֶּתֶר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (אִיּוֹב ל"ו): **"כַּתַּר לִי זְעֵיר וַאֲחַוֶּךָּ". אֲבָל קֹדֶם הַתְּשׁוּבָה אֲזַי בְּחִינַת אֶהְיֶה בְּהַסְתָּרַת פָּנִים מִמֶּנּוּ, כִּי עֲדַיִן לֹא הֵכִין אֶת עַצְמוֹ לְמֶהֱוֵי בָּעוֹלָם, וְהַסְתָּרַת פְּנֵי אֶהְיֶה גִּימַטְרִיָּא דָּם*, הַיְנוּ שְׁפִיכוּת**

*פֵּרוּשׁ: כִּי אֲחוֹרֵי שֵׁם אֶהְיֶה הוּא בְּגִימַטְרִיָּא דָּם, כַּמּוּבָא. הַיְנוּ כְּשֶׁכּוֹתְבִין הַשֵּׁם בַּאֲחוֹרַיִם, דְּהַיְנוּ א, אה, אהי, אהיה, שֶׁחוֹזְרִין בְּכָל פַּעַם לְאָחוֹר, הוּא בְּגִימַטְרִיָּא דָּם, וְזֶהוּ בְּחִינַת הַחְזָרַת וְהַסְתָּרַת פְּנֵי אֶהְיֶה, שֶׁעוֹלֶה דָּם:

**זֶעט** מֶען פוּן דֶעם אַז תְּשׁוּבָה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף וַוארְטְן, וָואס דָאס אִיז דִי זֶעלְבֶּע עִנְיָן פוּן 'כֶּתֶר', וָואס מֵיינְט וַוארְטְן.

**יֶעצְט** בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַ רְאָיָ' פוּן אַ פָּסוּק אַז כֶּתֶר מֵיינְט וַוארְטְן. **וְזֶה בְּחִינַת כֶּתֶר** כֶּתֶר מֵיינְט אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן וַוארְטְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (אִיּוֹב ל"ו, ב): **'כַּתַּר לִי זְעֵיר'** וַוארְט מִיךְ אַבִּיסְל, **'וַאֲחַוֶּךָּ'** אוּן אִיךְ וֶועל דִיר וַוייזְן; אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה פוּן כֶּתֶר, **אֲבָל קֹדֶם הַתְּשׁוּבָה** אָבֶּער אֵיידֶער מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, **אֲזַי בְּחִינַת אֶהְיֶה בְּהַסְתָּרַת פָּנִים מִמֶּנּוּ** אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר דְרֵייט אוֹיס זַיין פָּנִים פוּן שֵׁם אֶ-קֶ-יֶ-ה, עֶר הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם ווילְן אוּן קֵיין בֶּענְקֶעניש צוּם אייבֶּערשְׁטְן, **כִּי עֲדַיִן לֹא הֵכִין אֶת עַצְמוֹ לְמֶהֱוֵי בָּעוֹלָם** עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן, וַוייל אֶ-קֶ-יֶ-ה מֵיינְט אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ וִויל נִישְׁט זַיין גוּט, אִיז עֶס אַזוֹי וִוי עֶר דְרֵייט אַוֶועק זַיין פָּנִים פוּנֶעם אייבֶּערשְׁטְן.

**דָאס** אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶע חִילוּק צְווִישְׁן אַ 'בַּעַל תְּשׁוּבָה' אוּן אַ 'בַּעַל עֲבֵירָה'; דָאס וִוילְן זַיין גוּט. עֶס קֶען אֲפִילוּ זַיין אַז דֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה הָאט גֶעטוּן מֶער שְׁלֶעכְטְס וִוי דֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אָבֶּער דָאס וָואס עֶר וִויל זַיין גוּט, עֶר שְׁרֵייט 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין גוּט', וָואס דָאס אִיז דִי טַייטְשׁ פוּן דֶעם שֵׁם אֶ-קֶ-יֶ-ה, אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט, אוּן אֲפִילוּ עֶר זֶעט אַז עֶס גֵייט אִים נִישְׁט דָאס לֶערְנֶען אוּן דָאס דַאוְוענֶען, אוּן אוֹיךְ הַאלְט עֶר אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן - דָאךְ פַארְלִירְט עֶר נִישְׁט זַיין ווילְן, עֶר שְׁרֵייט אָנָּא זָמִין לְמֶהֱוֵי, אִיךְ וִויל זַיין גוּט - אִיז עֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אייבֶּערשְׁטְן.

**מַה** שֶׁאֵין כֵּן דֶער בַּעַל עֲבֵירָה וָואס וִויל נִישְׁט זַיין גוּט, עֶר אִיז מְיוּאָשׁ, עֶר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אִין לֶעבְּן, עֶר הַאלְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, עֶר קֶען נִישְׁט זַיין קֵיין עֶרְלִיכֶער אִיד - דְרֵייט אַוֶועק זַיין פָּנִים פוּנֶעם אייבֶּערשְׁטְן, עֶר דְרֵייט זִיךְ אַוֶועק דִי פָּנִים פוּן פוּן אֶ-קֶ-יֶ-ה.

**וְהַסְתָּרַת פְּנֵי אֶהְיֶה** אוּן דָאס אַוֶועק דְרֵייעֶן דִי פָּנִים פוּן אֶ-קֶ-יֶ-ה - **גִּימַטְרִיָּא דָּם** בַּאטְרֶעפְט פִיר אוּן פֶערְצִיג (44), אַזוֹי וִוי דִי וָוארְט 'דָם' בְּלוּט, **פֵּרוּשׁ: כִּי אֲחוֹרֵי שֵׁם אֶהְיֶה** וַוייל וֶוען מֶען שְׁרַייבְּט

צוּרִיק צוּ וֶועגְס דָאס וָוארְט אֶ-הֱ-יֶ-ה, **הוּא בְּגִימַטְרִיָּא** דָּם בַּאטְרֶעפְט דָאס פִיר אוּן פֶערְצִיג (44), אַזוֹי וִוי דִי וָוארְט 'דָּם' בְּלוּט, **כַּמּוּבָא** אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (עַיֵּין שַׁעַר הַכַּוָּנוֹת דְּרוּשֵׁי הַפֶּסַח, דְּרוּשׁ א). **הַיְנוּ כְּשֶׁכּוֹתְבִין הַשֵּׁם** וֶוען מֶען שְׁרַייבְּט דִי שֵׁם אֶ-הֱ-יֶ-ה, **בַּאֲחוֹרַיִם** צוּרִיק צוּ וֶועגְס, דְּהַיְנוּ **א, אה, אהי, אהיה**, מֶען שְׁרַייבְּט עֶרְשְׁט דֶעם אוֹת א', אוּן וֶוען מֶען וִויל גֵיין צוּם קוּמֶענְדִיגְן אוֹת - גֵייט מֶען צוּרִיק אוּן מֶען שְׁרַייבְּט דִי אוֹת וָואס קוּמְט פַארְן ה', מֶען שְׁרַייבְּט א-ה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער; וֶוען מֶען וִויל שְׁרַייבְּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן אוֹת - גֵייט מֶען נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּם אָנְהוֹיבּ אוּן מֶען שְׁרַייבְּט א-ה-י, אוּן וֶוען מֶען וִויל שְׁרַייבְּן דֶעם לֶעצְטְן אוֹת ה' - גֵייט מֶען צוּרִיק אוּן מֶען שְׁרַייבְּט א-ה-י-ה, שֶׁחוֹזְרִין בְּכָל פַּעַם לְאָחוֹר מֶען גֵייט אַלְץ צוּרִיק מִיט אַן אוֹת, אוּן אַז מֶען רֶעכְנְט אַלֶעס צוּזַאמֶען - **הוּא בְּגִימַטְרִיָּא** בַּאטְרֶעפְט עֶס פִיר אוּן פֶערְצִיג (44), אַזוֹי וִוי דִי וָוארְט דָּם בְּלוּט, וָואס בַּאטְרֶעפְט פִיר אוּן פֶערְצִיג (44). וְזֶהוּ בְּחִינַת הַחֲזָרַת וְהַסְתָּרַת פְּנֵי אֶהְיֶה אוּן דָאס פַּאסִירְט וֶוען מֶען דְרֵייט זִיךְ אַוֶועק פוּן וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, שֶׁעוֹלֶה דָּם עֶס בַּאטְרֶעפְט בְּלוּט, הַיְנוּ שְׁפִיכוּת דָּמִים וּבִזְיוֹנוֹת מֶען פַארְגִיסְט אִים זַיין בְּלוּט, עֶר וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט; וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט שְׁטֶענְדִיג אוֹיף צוּרִיק - וֶועט עֶר הָאבְּן בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים, עֶר וֶועט הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן עֶר אִיז אִין אַ סַכָּנָה פוּן

**דָּמִים וּבִזְיוֹנוֹת, עַל שֵׁם** (שְׁמוּאֵל-א ב): **"וּבֹזַי יֵקָלּוּ", כִּי עֲדַיִן הַדָּם שֶׁבֶּחָלָל הַשְּׂמָאלִי שֶׁבַּלֵּב, שֶׁשָּׁם מְדוֹר הַיֵּצֶר הָרָע, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (קֹהֶלֶת י): **"וְלֵב כְּסִיל לִשְׂמֹאלוֹ",**

אוֹיפְגֶעגֶעבְּן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אַלֶעס אָפְּגֶעלָאזְט דוּרְךְ 'הַחֲזָרַת פְּנֵי אֶ-קֱ-יֶ-ה', צוּרִיק קוּקְן אוֹיף אַלֶע צַייטְן וָואס מֶען הָאט גֶעוָואלְט זַיין גוּט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, בִּיז מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען גֶעבְּט אוֹיף; אָבֶּער וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק צוּ קוּקְן, נָאר זִיךְ הַאלְטְן מִיט דִי שֵׁם אֶ-קֱ-יֶ-ה, שְׁרַייעֶן: 'אִיךְ וִויל זַיין גוּט', 'אִיךְ גֵיי זַיין גוּט', 'פוּן יֶעצְט הוֹיבּ אִיךְ אָן', 'פוּן יֶעצְט גֵיי אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', אוּן נִישְׁט צוּרִיק קוּקְן אוֹיף וָואס אִיז גֶעוֶוען.

**יֶעצְט** פְלֶעכְט דָאס דֶער רֶבִּי צוּזַאם מִיט דִי אָנְהוֹיבּ תּוֹרָה, אַז דֶער וָואס אִיז מַרְבֶּה כְּבוֹד שָׁמַיִם אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן כֶּתֶר, עַל שֵׁם אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוּאֵל-א ב, ל): 'כִּי מְכַבְּדַי' וֶוער עֶס אִיז מִיךְ מְכַבֵּד - 'אֲכַבֵּד' וֶועל אִיךְ אִים גֶעבְּן כָּבוֹד, דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ 'כֶּתֶר', עֶס שַׁיינְט אוֹיף אִים דִי שֵׁם אֶ-קֱ-יֶ-ה, 'וּבֹזַי' אוּן דֶער וָואס פַארְשֶׁעמְט מִיךְ, דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מַרְבֶּה אִין זַיין אֵייגֶענֶע כָּבוֹד - 'יֵקָלּוּ' בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים, כִּי עֲדַיִן הַדָּם שֶׁבֶּחָלָל הַשְּׂמָאלִי שֶׁבַּלֵּב וַוייל עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אִין זַיין הַארְץ דִי קָאכֶעדִיגֶע בְּלוּט, שֶׁשָּׁם מְדוֹר הַיֵּצֶר הָרָע וָואס אִין דִי לִינְקֶע זַייט פוּנֶעם הַארְץ אִיז דִי פְּלַאץ וואוּ דֶער יֵצֶר הָרָע וואוֹינְט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס

**עֲדַיִן הוּא בְּתָקְפּוֹ וָעֹז. וּבִשְׁבִיל זֶה בָּאִין עָלָיו בִּזְיוֹנוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים, כִּי זֶה בְּחִינַת הַסְתָּרַת וְהַחְזָרַת פְּנֵי אקי"ה, גִּימַטְרִיָּא — דָּם.**

**וְתִקּוּן לָזֶה, שֶׁיַּהֲפֹךְ דָּם לְדֹם, שֶׁיִּהְיֶה מִן הַשּׁוֹמְעִים חֶרְפָּתָם וְאֵינָם מְשִׁיבִים, וְלֹא יְדַקְדֵּק עַל בִּזְיוֹן כְּבוֹדוֹ. וּבְשֶׁמְּקַיֵּם דֹּם לַה', אָז הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא**

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (קֹהֶלֶת י, ב): 'וְלֵב כְּסִיל לִשְׂמֹאלוֹ' אִין דִי הַארְץ פוּן דֶעם נַאר, נֵייגְט אִים צוּ זַיין לִינְקֶע זַייט – פַאר זַיין שְׁלֶעכְטְס, **עֲדַיִן הוּא בְּתָקְפּוֹ וָעֹז** דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז נָאךְ בַּיי אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק, **וּבִשְׁבִיל זֶה בָּאִין עָלָיו בִּזְיוֹנוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים** און צוּלִיבּ דֶעם קוּמְט אִים שְׁפִיכוּת דָּמִים און בִּזְיוֹנוֹת, **כִּי** ווַייל וָואס מֶער דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין אִים און אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אִין אִים, און עֶר שְׁרַייט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'אִיךְ ווִיל זַיין גוּט', נָאר עֶר קֶערְט זִיךְ אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – **זֶה בְּחִינַת הַסְתָּרַת וְהַחְזָרַת פְּנֵי אֶקֱיֶ"ה** אִיז דָאס אַזוֹי ווִי מֶען שְׁרַייבְּט דֶעם שֵׁם אֶ־קֱ־יֶ־ה אוֹיף צוּרִיק צוּ וֶועגְס, און מֶען קֶערְט זִיךְ כְּסֵדֶר אַוֶועק, מֶען גֵייט נִישְׁט פָּארְאוֹיס, נָאר אַגַאנְצְן צַייט קֶערְט מֶען זִיךְ צוּרִיק צוּ וָואס אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, **גִּימַטְרִיָּא דָּם** וָואס דָאס בַּאטְרֶעפְט דִי וָוארְט 'דָּם' בְּלוּט, ווִי פְרִיעֶר עֶרְקְלֶערְט, אַז אֶ, אֶ־הֱ, אֶ־הֱ־יֶ, אֶ־הֱ־יֶ־ה – אִיז גִּימַטְרִיָּא דָּם.

**וְתִקּוּן לָזֶה** און ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן? **שֶׁיַּהֲפֹךְ דָּם לְדֹם** עֶר זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן דִי וָוארְט 'דַּם' בְּלוּט, וָואס מֶען שְׁרַייבְּט מִיט אַ פַּתָּח, צוּ 'דֹם' שְׁוַוייגְן, וָואס מֶען שְׁרַייבְּט מִיט אַ חוֹלָם, וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת מֶען פַארְגִיסְט אִים דִי בְּלוּט – זָאל עֶר אָפְּשְׁוַוייגְן און נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר זַיינֶע פַיינְט, און מִיט דֶעם וֶועט עֶר רֵיינִיגְן דִי קָאכֶעדִיגֶע בְּלוּט – דִי יֵצֶר הָרָע, און זוֹכֶה זַיין צוּ כְּבוֹד אֱלֹקִים. **שֶׁיִּהְיֶה מִן הַשּׁוֹמְעִים חֶרְפָּתָם** עֶר זָאל זַיין פוּן דִי וָואס הֶערְן ווִי מֶען שֶׁענְדְט זֵיי **וְאֵינָם מְשִׁיבִים** און עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט, וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דֶערוֹיף (שַׁבָּת פח:): 'עֲלֵיהֶם הַכָּתוּב אוֹמֵר' אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק (שׁוֹפְטִים ה, לא): 'וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ' זֵיי זֶענֶען בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְלֹא יְדַקְדֵּק עַל בִּזְיוֹן כְּבוֹדוֹ** און עֶר זָאל נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין אוֹיף זַיין כָּבוֹד. דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע חִילּוּק וֶוען מֶען שְׁרַייבְּט 'דַּם' – בְּלוּט, צִי 'דֹם' – שְׁוַוייגְן; 'דַּם' בְּלוּט – שְׁרַייבְּט מֶען מִיט אַ פַּתַּח, פַּתַּח מֵיינְט אָפְן, אַן אָפֶענֶע מוֹיל צוּרִיק צוּ עֶנְטְפֶערְן, דָאס בְּרֶענְגְט בְּלוּט, שְׁפִיכוּת דָּמִים, און דִי וָוארְט 'דֹם' שְׁוַוייגְן – שְׁרַייבְּט מֶען מִיט אַ חוֹלָם, חוֹ'לָ'ם אִיז דִי אוֹתִיּוֹת מ'וֹ'חֵ'ל, אַז מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת – אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

**וּכְשֶׁמְּקַיֵּם דֹּם לַה'** וֶוען מֶען אִיז מְקַיֵּים וָואס דֶער פָּסוּק זָאגְט 'דֹּם לַה'', וָוארְט אוֹיף דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען נֶעמְט אָן דִי בִּזְיוֹנוֹת, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט צוּרִיק – **אָז הַקָּדוֹשׁ**

**בָּרוּךְ הוּא** מַפִּיל לוֹ חֲלָלִים חֲלָלִים וֶועט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן און זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין דִי רְשָׁעִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ל"ז, ז): 'דוֹם לַה' וַוארְט אוֹיף דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וְהִתְחוֹלֵל לוֹ' און הָאף צוּ אִים, אוֹיף דִי פָּסוּק דַרְשְׁ'נֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (גִּיטִין ז.): 'וְהוּא יַפִּיל לְךָ חֲלָלִים' און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זַיי אַרָאפְּוַוארְפְן פַאר דִיר וְכוּ', דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (שָׁם), מַר עוּקְבָא הָאט גֶעשִׁיקְט פְרֶעגְן רֶבִּי אֶלְעָזָר, וָואס זָאל אִיךְ טוּן מִיט דִי מֶענְטְשְׁן וָואס טְשֶׁעפֶּען מִיר? אִיךְ הָאבּ דִי מֶעגְלִיכְקֵייט זֵיי צוּ מַסֵר'ן, זָאל אִיךְ זֵיי מַסֵר'ן? הָאט רֶבִּי אֶלְעָזָר אִים צוּרִיק גֶעשִׁיקְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים לט, ב): 'אֶשְׁמְרָה' אִיךְ וֶועל זִיךְ הִיטְן, 'לְפִי מַחְסוֹם' אַזוֹי וִוי מַיין מוֹיל וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַ שְׁלָאס, 'בְּעוֹד רָשָׁע לְנֶגְדִּי' וֶוען דֶער רָשָׁע אִיז נָאךְ אַנְטְקֶעגְן מִיר; דָאס הֵייסְט אֲפִילוּ דֶער רָשָׁע קְרִיגְט מִיט דִיר זָאלְסְטוּ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, הָאט מַר עוּקְבָא צוּרִיק גֶעשִׁיקְט, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, זֵיי זֶענֶען מִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר, הָאט רֶבִּי אֶלְעָזָר צוּרִיק גֶעשִׁיקְט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים לז, ז): 'דוֹם לַה'' וַוארְט אוֹיף דִי הִילְף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וְהִתְחוֹלֵל לוֹ' און הָאף צוּ אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן, 'וְהוּא יַפִּיל לְךָ חֲלָלִים' עֶר וֶועט זֵיי

**מַפִּיל לוֹ חֲלָלִים חֲלָלִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (תְּהִלִּים ל"ז): "דּוֹם לַה' וְהִתְחוֹלֵל לוֹ — **וְהוּא יַפִּיל לְךָ חֲלָלִים**", (כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, גִּטִּין ז.), הַיְנוּ: "וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי" (תְּהִלִּים ק"ט), הַיְנוּ עַל־יְדֵי־זֶה נִתְמַעֵט הַדָּם שֶׁבֶּחָלָל הַשְּׂמָאלִי, וְזֶה בְּחִינַת זְבִיחַת הַיֵּצֶר הָרָע, וְעַל־יְדֵי־זֶה זוֹכֶה לִכְבוֹד אֱלֹקִי, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שָׁם נ): "זֹבֵחַ תּוֹדָה יְכַבְּדָנְנִי", וְדָרְשׁוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין מג:)

הַרְג'נֶען, וְכַךְ הֲוָה.

**דֶער** רֶבִּי טַייטְשְׁט אוֹיס דִי וֶוערְטֶער 'וְהוּא יַפִּיל לְךָ חֲלָלִים' – אוֹיף נָאךְ אַ וֶועג, הַיְנוּ אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט: 'וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי' און מַיין הַארְץ אִיז אָפְּגֶעשְׁטָארְבְּן אִין מִיר (תְּהִלִּים קט, כב), דָוִד הַמֶּלֶךְ, וָואס הָאט גֶעהַאט אַזוֹיפִיל בִּזְיוֹנוֹת און שְׁפִיכוּת דָמִים און הָאט נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, הָאט עֶר דוּרְכְדֶעם אוֹיסְגֶערֵיינִיגְט זַיין הַארְץ פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, הַיְנוּ עַל יְדֵי זֶה וַוייל דוּרְךְ דָאס אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת, דוּרְךְ נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט – נִתְמַעֵט הַדָּם שֶׁבֶּחָלָל הַשְּׂמָאלִי וֶוערְט דֶער יֵצֶר הָרָע, דִי הֵייסֶע בְּלוּט וָואס אִיז בַּיי דִי לִינְקֶע זַייט פוּן הַארְץ – פַארְמִינֶערְט.

**וְזֶה** און אַז מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת, מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט – אִיז דָאס בְּחִינַת זְבִיחַת הַיֵּצֶר הָרָע אַזוֹי וִוי מֶען שֶׁחְט דֶעם יֵצֶר הָרָע, וְעַל יְדֵי זֶה און דוּרְכְדֶעם, דוּרְךְ אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת – זוֹכֶה לִכְבוֹד אֱלֹקִי שַׁיינְט אוֹיף אִים דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם נ, כג): 'זֹבֵחַ תּוֹדָה' דֶער וָואס בְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן, 'יְכַבְּדָנְנִי' דֶער אִיז מִיךְ מְכַבֵּד, וְדָרְשׁוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה און וִוי דִי הֵיילִיגֶע

עַל זְבִיחַת הַיֵּצֶר הָרָע:

**ג** וְצָרִיךְ לֶאֱחֹז תָּמִיד בְּמִדַּת הַתְּשׁוּבָה, כִּי מִי יֹאמַר: "זִכִּיתִי לִבִּי, טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי" (מִשְׁלֵי כ), כִּי בְּשָׁעָה שֶׁאָדָם אוֹמֵר: חָטָאתִי, עָוִיתִי, פָּשַׁעְתִּי, אֲפִלּוּ זֶה אִי אֶפְשָׁר לוֹמַר בְּבַר לֵבָב בְּלִי פְּנִיָּה. (וְזֶהוּ: מִי יֹאמַר: "זִכִּיתִי לִבִּי, טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי", הַיְנוּ מִי יוּכַל לוֹמַר, שֶׁלִּבּוֹ זַךְ וְטָהוֹר מִפְּנִיּוֹת, אֲפִלּוּ בְּשָׁעָה שֶׁאוֹמֵר: חָטָאתִי וְכוּ'. וְזֶהוּ: "מִי יֹאמַר וְכוּ': טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי", הַיְנוּ שֶׁיִּהְיֶה טָהוֹר מִן הֶחָטָאתִי, עָוִיתִי, פָּשַׁעְתִּי שֶׁאָמַר, כִּי גַּם אָז

חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין מג:) אַז דֶער פָּסוּק גייט אַרוֹיף עַל זְבִיחַת הַיֵּצֶר הָרָע, אוֹיפְן שֶׁחְט'ן דֶעם יֵצֶר הָרָע, 'זֹבֵחַ תּוֹדָה' דֶער וָואס בְּרֶענְגְט אַ קָרְבָּן פוּן וִידּוּי אוּן תְּשׁוּבָה אוֹיף זַיינֶע זִינְד, 'יְכַבְּדָנְנִי' דֶער אִיז מִיךְ מְכַבֵּד, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ 'כִּי מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד' מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ כְּבוֹד אֱלֹקִים.

**דָאס** אִיז גֶעוֶוען דִי הַנְהָגָה בַּיי דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, זֵיי פְּלֶעגְן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען הָאט זֵיי פַארְשֶׁעמְט, נָאר זֵיי זֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי פַארְשֶׁעמְט אִין זֵייעֶר לֶעבְּן, נָאר שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן מְפֻרְסָם אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן עַד הַיּוֹם הַזֶּה אִיז דִי וֶועלְט זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט זֵייעֶרֶע תּוֹרוֹת, וַוייל אַנְשְׁטָאט עֶנְטְפֶערְן אוּן זִיךְ קְרִיגְן מִיט זֵייעֶרֶע פַיינְט – הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְבַטֵּל גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַזוֹי אִיז מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם וָואס שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים, 'וְהוּא יַפִּיל לְךָ חֲלָלִים', עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ – 'וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי' הַרְגְ'נֶען זַיין יֵצֶר הָרָע.

ג

**אָבֶּער** תְּשׁוּבָה טוּן אִיז נִישְׁט אַן אֵיינְמָאלִיגֶע זַאךְ, וְצָרִיךְ לֶאֱחֹז תָּמִיד בְּמִדַּת הַתְּשׁוּבָה מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג תְּשׁוּבָה טוּן, כִּי 'מִי יֹאמַר' וַוייל וֶוער קֶען זִיךְ גְרוֹיס הַאלְטְן אוּן זָאגְן: 'זִכִּיתִי לִבִּי' אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ רֵיינִיגְן מַיין הַארְץ, 'טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי' אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין גֶערֵיינִיגְט פוּן מַיין זִינְד? (מִשְׁלֵי כ, ט), כִּי בְּשָׁעָה שֶׁאָדָם אוֹמֵר וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אוּן זָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: חָטָאתִי, עָוִיתִי, פָּשַׁעְתִּי אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה; אֲפִלּוּ זֶה אוֹיךְ דִי וֶוערְטֶער – אִי אֶפְשָׁר לוֹמַר קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן, בְּבַר לֵבָב מִיט אַ רֵיינֶע הַארְץ, בְּלִי פְּנִיָּה מִיט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, וְזֶהוּ דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'מִי יֹאמַר' וֶוער קֶען זָאגְן, 'זִכִּיתִי לִבִּי' אִיךְ הָאבּ גֶערֵיינִיגְט מַיין הַארְץ, 'טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי' אִיךְ בִּין רֵיין פוּן זִינְד, הַיְנוּ דֶער רֶבִּי זָאגְט נָאךְ אַ פְּשַׁט, דֶער פָּסוּק זָאגְט: מִי יוּכַל לוֹמַר וֶוער קֶען זָאגְן, שֶׁלִּבּוֹ זַךְ וְטָהוֹר מִפְּנִיּוֹת אַז זַיין הַארְץ אִיז אִים רֵיין גֶעוֶוען פוּן נִישְׁט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אֲפִלּוּ בְּשָׁעָה שֶׁאוֹמֵר חָטָאתִי וְכוּ' אוֹיךְ וֶוען עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוּן גֶעזָאגְט 'חָטָאתִי' אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, וְזֶהוּ דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק: 'מִי יֹאמַר וְכוּ' טָהַרְתִּי מֵחַטָּאתִי' וֶוער קֶען זָאגְן אַז עֶר זָאגְט מִיט אַ רֵיין הַארְץ דִי וֶוערְטֶער 'חָטָאתִי', הַיְנוּ

**אֵינוֹ זַךְ וְטָהוֹר בְּלִי פְּנִיּוֹת, כַּנַּ"ל). נִמְצָא, שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה עַל הַתְּשׁוּבָה הָרִאשׁוֹנָה, הַיְנוּ עַל חָטָאתִי, עָוִיתִי, פָּשַׁעְתִּי שֶׁאָמַר, כִּי עָלָיו נֶאֱמַר (יְשַׁעְיָהוּ כ"ט): "בִּשְׂפָתָיו כִּבְּדוּנִי", כִּי עַל־יְדֵי תְּשׁוּבָה זוֹכֶה לִכְבוֹד ה', "וְלִבּוֹ רִחַק מִמֶּנִּי".**

**וַאֲפִלּוּ אִם יוֹדֵעַ אָדָם בְּעַצְמוֹ, שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה, אַף עַל־פִּי־כֵן צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה עַל תְּשׁוּבָה הָרִאשׁוֹנָה. כִּי מִתְּחִלָּה כְּשֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה עָשָׂה לְפִי הַשָּׂגָתוֹ,**

שֶׁיִּהְיֶה טָהוֹר מִן הֶחָטָאתִי, עָוִיתִי, פָּשַׁעְתִּי שֶׁאָמַר דָאס הייסט עֶר זָאל הָאבְּן גֶעזָאגְט מִיט אַ רֵיינֶע הַארְץ דִי תְּשׁוּבָה רֵייד – 'חָטָאתִי' וְכוּ' – וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כִּי גַּם אָז** וַוייל אוֹיךְ דֶעמָאלְט וֶוען עֶר זָאגְט חָטָאתִי – **אֵינוֹ זַךְ וְטָהוֹר** אִיז זַיין הַארְץ נִישְׁט רֵיין, **בְּלִי פְּנִיּוֹת** מִיט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. **נִמְצָא** קוּמְט אוֹיס, **שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה** אַז מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן, **עַל הַתְּשׁוּבָה הָרִאשׁוֹנָה** אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס מֶען הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, **הַיְנוּ עַל חָטָאתִי, עָוִיתִי, פָּשַׁעְתִּי שֶׁאָמַר** אוֹיף דִי וִידוּי דְּבָרִים אַלֵיין דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, וַוייל אֶפְשָׁר נַארְט מֶען זִיךְ, אוּן אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט שׁוֹין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ וִויל זַיין גוּט, קֶען זַיין, **כִּי עָלָיו נֶאֱמַר** אַז אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ כ"ט, יג), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: '**בִּשְׂפָתָיו כִּבְּדוּנִי**' מִיט דִי מוֹיל אוּן מִיט דִי לִיפְּן הָאבְּן זֵיי מִיךְ מְכַבֵּד גֶעוֶוען, **כִּי עַל יְדֵי תְּשׁוּבָה** וַוייל וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, **זוֹכֶה לִכְבוֹד ה'** אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ כְּבוֹד ה', אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אָבֶּער, '**וְלִבּוֹ רִחַק מִמֶּנִּי**' זֵייעֶר הַארְץ אִיז דֶערְוַוייטֶערְט פוּן מִיר; זֶעט מֶען פוּן דֶעם פָּסוּק אַז אֲפִילוּ מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, מֶען זָאגְט מִיט דִי מוֹיל אוּן מִיט דִי לִיפְּן חָטָאתִי, אוּן מֶען אִיז טַאקֶע זוֹכֶה צוּ כְּבוֹד ה' – דָאךְ אִיז דָאס נִישְׁט תְּשׁוּבָה בִּשְׁלֵמוּת, מֶען דַארְף נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן.

**וַאֲפִלּוּ אִם יוֹדֵעַ אָדָם בְּעַצְמוֹ** אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ וֵוייסְט בַּיי זִיךְ, **שֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה** אַז עֶר הָאט יָא בֶּאֱמֶת תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, **אַף עַל פִּי כֵן צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה** מִיט דֶעם אַלֶעם דַארְף עֶר נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן, **עַל תְּשׁוּבָה הָרִאשׁוֹנָה** אוֹיף זַיין עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, **כִּי מִתְּחִלָּה כְּשֶׁעָשָׂה תְּשׁוּבָה** וַוייל דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, **עָשָׂה לְפִי הַשָּׂגָתוֹ** הָאט עֶר דָאס גֶעטוּן לוֹיט וִויפִיל עֶר הָאט דֶעמָאלְט אַנֶערְקֶענְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְאַחַר כַּךְ בְּוַדַּאי כְּשֶׁעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה** אוּן זִיכֶער יֶעצְט נָאכְן תְּשׁוּבָה טוּן, **בְּוַדַּאי הוּא מַכִּיר וּמַשִּׂיג יוֹתֵר אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** אִיז עֶר זִיכֶער צוּגֶעקוּמֶען צוּ אַ גְרֶעסֶערֶע פַארְשְׁטַאנְד, עֶר פַארְשְׁטֵייט מֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **נִמְצָא** קוּמְט אוֹיס, **לְפִי הַשָּׂגָתוֹ שֶׁמַּשִּׂיג עַכְשָׁו** לוֹיט זַיין יֶעצְטִיגֶע פַארְשְׁטַאנְד, אַזוֹי סַאךְ וִוי עֶר פַארְשְׁטֵייט יֶעצְט וִוי גְרוֹיס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, **בְּוַדַּאי הַשָּׂגָתוֹ הָרִאשׁוֹנָה**

**וְאַחַר־כָּךְ** בְּוַדַּאי כְּשֶׁעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה, בְּוַדַּאי הוּא מַכִּיר וּמַשִּׂיג יוֹתֵר אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. **נִמְצָא** לְפִי הַשָּׂגָתוֹ שֶׁמַּשִּׂיג עַכְשָׁו, בְּוַדַּאי הַשָּׂגָתוֹ הָרִאשׁוֹנָה הוּא בִּבְחִינַת גַּשְׁמִיּוּת. נִמְצָא, שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה עַל הַשָּׂגָתוֹ הָרִאשׁוֹנָה, עַל שֶׁהִתְגַּשֵּׁם אֶת רוֹמְמוּת אֱלָקוּתוֹ.

**וְזֶה** בְּחִינַת עוֹלָם הַבָּא, שֶׁיִּהְיֶה כֻּלּוֹ שַׁבָּת, הַיְנוּ כֻּלּוֹ תְּשׁוּבָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים ל): "וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ", כִּי עִקַּר עוֹלָם הַבָּא הוּא הַשָּׂגַת

**הוּא** בִּבְחִינַת גַּשְׁמִיּוּת אִיז דִי אַמָאלִיגֶע פַּארְשְׁטַאנְד - אַנְטְקֶעגְן וָואס עֶר שְׁפִּירְט יֶעצְט - אַזוֹי וִוי גַשְׁמִיּוּת, **נִמְצָא** קוּמְט אוֹיס, שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה עַל הַשָּׂגָתוֹ הָרִאשׁוֹנָה אַז עֶר דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי אַמָאלִיגֶע פַּארְשְׁטַאנְד, עַל שֶׁהִתְגַּשֵּׁם אֶת רוֹמְמוּת אֱלָקוּתוֹ פַארְן מְגַשֵּׁם זַיין דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; ווַייל יֶעדְן טָאג וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - שְׁפִּירְט מֶען מֶער אוּן מֶער דִי לִיכְטִיגְקֵייט אוּן דִי זִיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִמֵּילָא דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי קְלֶענֶערֶע מַדְרֵיגָה פוּן נֶעכְטְן, וָואס עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**דָאס** אִיז דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, זֵיי טוּעֶן יֶעדְן טָאג אוּן יֶעדֶע מִינוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף זֵייעֶר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם פוּן פְרִיעֶר, אִיז דָאךְ זִיכֶער אוּנְז פָּשׁוּט'עֶ מֶענְטְשְׁן, וָואס מִיר זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט, מִיר זֶענֶען אַיינְגֶעטִינְקֶען אִין אוּנְזֶערֶע תַּאֲווֹת, אוּן מִיר הָאבְן נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוּנְזֶערֶע מִידּוֹת, אוּן וִוי וַוייט מִיר זֶענֶען פוּן אֵיידֶלְקֵייט, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר דַארְפְן הַאלְטְן אִין אֵיין תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן טוּן מֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אוּן אַז מֶען הָאט בִּזְיוֹנוֹת פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַז מֶען ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין גוּט אוּן מֶען הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן - זָאל מֶען מְקַיֵּים זַיין דֶעם 'יִשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק', נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוערְן, נָאר ווַייטֶער וֶועלְן זַיין גוּט, אוּן ווַייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְזֶה** בְּחִינַת עוֹלָם הַבָּא אוּן וֶוען מֶען קוּמְט צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן שְׁטֶענְדִיג תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען טוּט תְּשׁוּבָה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל - דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן עוֹלָם הַבָּא, שֶׁיִּהְיֶה כֻּלּוֹ שַׁבָּת וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ שַׁבָּת, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט מֶען, כֻּלּוֹ תְּשׁוּבָה אִין עוֹלָם הַבָּא אִיז מֶען נָאר פַארְנוּמֶען מִיט דִי זַאךְ פוּן תְּשׁוּבָה, אִין עוֹלָם הַבָּא אִיז אַזוֹי לִיכְטִיג, מֶען שְׁפִּירְט אוּן מֶען זֶעט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז עוֹסֵק נָאר אִין תְּשׁוּבָה.

**דֶער** רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז דִי דְרַיי זַאכְן 'תְּשׁוּבָה', 'עוֹלָם הַבָּא' אוּן 'שַׁבָּת' - זֶענֶען אֵיין זַאךְ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ל, ב): 'וְשַׁבְתָּ' אוּן דוּ וֶועסְט זִיךְ צוּרִיק קֶערְן, 'עַד ה' אֱלֹקֶיךָ' בִּיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'וְשַׁבְתָּ' אִיז תְּשׁוּבָה, אוֹיךְ אִיז דִי וָוארְט 'וְשַׁבְתָּ' דִי וָוארְט שַׁבָּת, אוּן 'עַד ה' אֱלֹקֶיךָ' דָאס ווַייזְט אוֹיף עוֹלָם הַבָּא, כִּי עִקַּר עוֹלָם **הַבָּא** ווַייל דֶער עִיקָּר

**אֱלֹקוּתוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (יִרְמְיָהוּ ל"א): **"וְיֵדְעוּ אוֹתִי לְמִקְטַנָּם וְעַד גְּדוֹלָם". נִמְצָא בְּכָל עֵת שֶׁיַּשִּׂיגוּ הַשָּׂגָה יְתֵרָה, אֲזַי יַעֲשׂוּ תְּשׁוּבָה עַל הַהַשָּׂגָה הָרִאשׁוֹנָה.**

**וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה:** (שָׁם בְּסַנְהֶדְרִין): **'כָּל הַזּוֹבֵחַ אֶת יִצְרוֹ', הַיְנוּ בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, בְּחִינַת: "וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי", בְּחִינַת דֹּם לַה', בְּחִינַת אקיה, בְּחִינַת כֶּתֶר, בְּחִינַת כָּבוֹד, כַּנַּ"ל, 'וּמִתְוַדֶּה עָלָיו', הַיְנוּ שֶׁמִּתְוַדֶּה עַל זְבִיחַת יִצְרוֹ,**

פוּן עוֹלָם הַבָּא – **הוּא הַשָּׂגַת אֱלֹקוּתוֹ** אִיז דָאס שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ ל"א, לג), לֶעָתִיד לָבוֹא: 'וְיֵדְעוּ **אוֹתִי**' וֶועלְן אַלֶע פוּן מִיר וִויסְן, 'לְמִקְטַנָּם וְעַד גְּדוֹלָם' פוּן גְרוֹיס בִּיז קְלֵיין, 'נְאֻם ה'' אַזוֹי זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט דַוְקָא דֶעם פָּסוּק פַאר אַ רְאָיָ' אַז לֶעָתִיד לָבוֹא וֶועלְן אַלֶע וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא נָאךְ אַסַאךְ פְּסוּקִים וָואס דֶערְצֵיילְן, אַז דֶער עִיקָר וָואס וֶועט זַיין לֶעָתִיד לָבוֹא אִיז, אַז אַלֶע וֶועלְן וִויסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אִין דֶעם פָּסוּק זֶעט מֶען אַז דָאס גֵייט אִינְאֵיינֶעם מִיט תְּשׁוּבָה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ, שָׁם): 'כִּי אֶסְלַח לַעֲוֹנָם' וַוייל אִיךְ וֶועל זֵיי פַארְגֶעבְּן אוֹיף זֵייעֶרֶע זִינְד, 'וּלְחַטָּאתָם לֹא אֶזְכָּר עוֹד' אוּן אִיךְ וֶועל מֶער נִישְׁט גֶעדֶענְקֶען זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת, וַוייל דַוְקָא דוּרְךְ תְּשׁוּבָה טוּן קוּמְט מֶען צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **נִמְצָא** זֶעט מֶען פוּן דֶעם, **בְּכָל עֵת שֶׁיַּשִּׂיגוּ הַשָּׂגָה יְתֵרָה** אַז יֶעדֶע מָאל מֶען פַארְשְׁטֵייט מֶער אוּן מֶער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – **אֲזַי יַעֲשׂוּ תְּשׁוּבָה עַל הַהַשָּׂגָה הָרִאשׁוֹנָה** וֶועט מֶען תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע פַארְשְׁטַאנְד אוּן הַשָּׂגָה, וָואס מֶען הָאט גֶעמֵיינְט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט שׁוֹין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין עוֹלָם הַבָּא, וָואס מֶען קוּמְט צוּ אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס דָארְט אִיז אַזוֹי וִוי שַׁבָּת – דָארְט אִיז וַוייטֶער דָא דִי זַאךְ פוּן תְּשׁוּבָה, 'וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ'.

**וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** אוּן דָאס אִיז פְּשָׁט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שָׁם בְּסַנְהֶדְרִין [מג:]): **'כָּל הַזּוֹבֵחַ אֶת יִצְרוֹ'** וֶוער עֶס שֶׁחְט זַיין יֵצֶר הָרָע; וִוי אַזוֹי שֶׁחְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע? **הַיְנוּ בְּחִינַת** תְּשׁוּבָה דוּרְךְ תְּשׁוּבָה טוּן; וָואס אִיז תְּשׁוּבָה? **בְּחִינַת** וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט 'וְלִבִּי חָלַל בְּקִרְבִּי' אוּן מַיין הַארְץ אִיז אָפְּגֶעשְׁטָארְבְּן אִין מִיר, עֶר הָאט גֶע'שָׁחְטְ'ן דֶעם יֵצֶר הָרָע; וִוי אַזוֹי? **בְּחִינַת 'דֹּם לַה''** דוּרְךְ מְקַיֵּים זַיין וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'דֹּם לַה'' – שְׁוַוייג אָפּ, 'וְהִתְחוֹלֵל לוֹ' אַזוֹי וֶועסְטוּ אִים הַרְגֶ'עֶנֶען, **בְּחִינַת אֶהֱיֶה** דוּרְךְ וַוייטֶער וֶועלְן אוּן בֶּענְקֶען, **בְּחִינַת כֶּתֶר** מִיט אַ שְׁטַארְקֶע סַבְלָנוּת [כֶּתֶר אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן וַוארְטְן], **בְּחִינַת כָּבוֹד** נָאר וֶועלְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב), **'וּמִתְוַדֶּה עָלָיו'** אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיף זַיינֶע עֲבֵירוֹת. מֶען רֶעדְט נִישְׁט יֶעצְט פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע תְּשׁוּבָה, תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי פָּשׁוּט'עֶ עֲבֵירוֹת, **הַיְנוּ שֶׁמִּתְוַדֶּה עַל זְבִיחַת יִצְרוֹ** נָאר

**הַיְנוּ שֶׁעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה עַל תְּשׁוּבָתוֹ וְהַשָּׂגָתוֹ הָרִאשׁוֹנָה, 'כְּאִלּוּ כִּבְּדוֹ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּשְׁנֵי עוֹלָמוֹת'. כִּי תְּשׁוּבָה הָרִאשׁוֹנָה, בְּחִינַת כְּבוֹד עוֹלָם הַזֶּה. וְאַחַר הַתְּשׁוּבָה שֶׁזּוֹכֶה לְהַשָּׂגָה יְתֵרָה, וּמַכִּיר בְּיוֹתֵר אֶת רוֹמְמוּת אֱלֹקוּתוֹ, וְעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה עַל תְּשׁוּבָתוֹ, זֹאת הַתְּשׁוּבָה הוּא בְּחִינַת כְּבוֹד עוֹלָם הַבָּא.**

**וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (פְּסָחִים נ.): **"אוֹר יְקָרוֹת וְקִפָּאוֹן"** (זְכַרְיָה י"ד), **'אוֹר שֶׁהוּא יָקָר בָּעוֹלָם הַזֶּה, יִהְיֶה קָפוּי וְקַל לָעוֹלָם הַבָּא'. נִמְצָא בָּעוֹלָם הַבָּא, כְּשֶׁיִּזְכּוּ לְהַשָּׂגָה יְתֵרָה בֶּאֱלֹקוּתוֹ, בְּוַדַּאי יִתְחָרְטוּ וְיַעֲשׂוּ תְּשׁוּבָה עַל**

מען רעדט דא אַז ער איז זיך מִתְוַדֶה, ער טוט תְּשׁוּבָה - אויף זיין ערשטע תְּשׁוּבָה וואס ער האט דעמאלט גע'שָׁחְט'ן דעם יֵצֶר הָרָע, **הַיְנוּ שֶׁעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה עַל תְּשׁוּבָתוֹ** ער טוט תְּשׁוּבָה אויף זיין ערשטע מאל תְּשׁוּבָה טון, **וְהַשָּׂגָתוֹ הָרִאשׁוֹנָה** און ער טוט תְּשׁוּבָה אויף דאס וואס ער האט אַמאל געמיינט אַז ער ווייסט און פארשטייט, אויף אים זאגן די הייליגע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (סַנְהֶדְרִין, שָׁם): **'כְּאִלּוּ כִּבְּדוֹ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא'** עס איז אַזוֹי ווי ער איז מְכַבֵּד דעם אייבערשטן, **'בִּשְׁנֵי עוֹלָמוֹת'** אויף ביידע וועלטן, **כִּי תְּשׁוּבָה הָרִאשׁוֹנָה** ווייל דאס ערשטע דארף מען תְּשׁוּבָה טון אויף די עֲבֵירוֹת בִּפְשִׁיטוּת, די תְּשׁוּבָה ווערט אָנגערופן: **בְּחִינַת כְּבוֹד עוֹלָם הַזֶּה** ער איז מְכַבֵּד דעם אייבערשטן אויף די וועלט, ער טוט די ווילן פונעם אייבערשטן, **וְאַחַר הַתְּשׁוּבָה שֶׁזּוֹכֶה לְהַשָּׂגָה יְתֵרָה** און נאכן תְּשׁוּבָה טון, ווען ער איז שוין געקומען צו אַ העכערע פארשטאנד, **וּמַכִּיר בְּיוֹתֵר אֶת רוֹמְמוּת אֱלֹקוּתוֹ** און ער אַנערקענט שוין מער דאס גרויסקייט פונעם אייבערשטן, **וְעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה עַל תְּשׁוּבָתוֹ** און ער טוט תְּשׁוּבָה אויף די פריערדיגע הַשָּׂגוֹת - **זֹאת הַתְּשׁוּבָה הוּא** די תְּשׁוּבָה ווערט אָנגערופן, **בְּחִינַת כְּבוֹד עוֹלָם הַבָּא** ער איז מְכַבֵּד דעם אייבערשטן אין עוֹלָם הַבָּא.

**וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** און דאס איז וואס די הייליגע חֲכָמִים זאגן (פְּסָחִים נ.) אויפן פָּסוּק (זְכַרְיָה י"ד, ו): **'אוֹר יְקָרוֹת וְקִפָּאוֹן'** ווען מָשִׁיחַ וועט קומען, וועט די ליכטיגקייט זיין טייער, און אויך וועט עס זיין נישט טייער; לִכְאוֹרָה איז דאך דאס אַ סְתִירָה? זאגן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: **'אוֹר שֶׁהוּא יָקָר בָּעוֹלָם הַזֶּה'** די ליכטיגקייטן וואס איז געווען טייער און חָשׁוּב אויף די וועלט, די זאכן וואס מען האט דא מַשִּׂיג געווען און מען האט דאס אָנגעקוקט ווי אַ חָשׁוּב'ע זאך - **'יִהְיֶה קָפוּי וְקַל לָעוֹלָם הַבָּא'** וועט נישט זיין חָשׁוּב לֶעָתִיד לָבוֹא; **נִמְצָא** זעט מען פון דעם, **בָּעוֹלָם הַבָּא** אַז אויף יענע וועלט, **כְּשֶׁיִּזְכּוּ לְהַשָּׂגָה יְתֵרָה בֶּאֱלֹקוּתוֹ** ווען מען וועט זוֹכֶה זיין צו אַ גרעסערע פארשטאנד אינעם אייבערשטן - **בְּוַדַּאי יִתְחָרְטוּ** וועט מען זיכער חֲרָטָה האבן, **וְיַעֲשׂוּ תְּשׁוּבָה עַל**

**הַשָּׂגַת עוֹלָם הַזֶּה, כִּי הַשָּׂגַת עוֹלָם הַזֶּה בִּבְחִינַת גֶּשֶׁם נֶגֶד הַשָּׂגַת עוֹלָם הַבָּא. וְזֶה כְּאִלּוּ כִּבְּדוֹ לְהַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא בִּשְׁנֵי עוֹלָמוֹת, כִּי זְבִיחַת הַיֵּצֶר הִיא הַתְּשׁוּבָה הָרִאשׁוֹנָה, הוּא בְּחִינַת כְּבוֹד עוֹלָם הַזֶּה, וְהַוִּדּוּי עַל זְבִיחַת הַיֵּצֶר, הַיְנוּ תְּשׁוּבָה שְׁנִיָּה, הִיא בְּחִינַת כְּבוֹד עוֹלָם הַבָּא, שֶׁהַכָּבוֹד הָרִאשׁוֹן נַעֲשָׂה קָפוּי וְקַל, נֶגֶד הַכָּבוֹד הַשֵּׁנִי.**

**וְזֶה שֶׁאוֹמֵר הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא** (תְּהִלִּים נ): **"אֵלֶּה עָשִׂיתָ וְהֶחֱרַשְׁתִּי, דִּמִּיתָ הֱיוֹת אֶהְיֶה כָמוֹךָ", כִּי הָאָדָם עַל-יְדֵי**

הַשָּׂגַת עוֹלָם הַזֶּה און מען וועט תְּשׁוּבָה טון אויף די יעצטיגע פארשטאנד, כִּי הַשָּׂגַת עוֹלָם הַזֶּה בִּבְחִינַת גֶּשֶׁם נֶגֶד הַשָּׂגַת עוֹלָם הַבָּא דאס אלעס וואס מען פארשטייט יעצט, וועט זיין אזוי ווי מְגַשֵּׁם געווען דעם אייבערשטן אנטקעגן די פארשטאנד וואס מען וועט דעמאלט מַשִּׂיג זיין.

**וְזֶה** דאס איז פְּשַׁט אין די ווערטער פון די גְּמָרָא, (סַנְהֶדְרִין, שָׁם): 'כָּל הַזּוֹבֵחַ אֶת יִצְרוֹ וּמִתְוַדֶּה עָלָיו', דער וואס טוט תְּשׁוּבָה אויף די אלטע תְּשׁוּבָה, **כְּאִלּוּ כִּבְּדוֹ לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בִּשְׁנֵי עוֹלָמוֹת** איז אזוי ווי ער איז מְכַבֵּד דעם אייבערשטן אויף ביידע וועלטן, **כִּי זְבִיחַת הַיֵּצֶר** ווייל שֶׁחְט'ן די יֵצֶר הָרָע, וואס די גְּמָרָא זאגט 'כָּל הַזּוֹבֵחַ אֶת יִצְרוֹ' - **הִיא הַתְּשׁוּבָה הָרִאשׁוֹנָה** דאס איז מְרַמֵּז אויף די ערשטע תְּשׁוּבָה, **הוּא בְּחִינַת כְּבוֹד עוֹלָם הַזֶּה** דאס איז א וועג ווי אזוי מען געבט אפ כָּבוֹד פארן אייבערשטן אויפן פָּשׁוּט'ן אופן, אויף די וועלט, **וְהַוִּדּוּי עַל זְבִיחַת הַיֵּצֶר** און זיך מִתְוַדֶּה זיין אויף די ערשטע תְּשׁוּבָה וואס ער האט דעמאלט גע'שָׁחְטְ'ן דעם יֵצֶר הָרָע - **הַיְנוּ תְּשׁוּבָה שְׁנִיָּה** דאס איז שוין די צווייטע תְּשׁוּבָה, **הִיא בְּחִינַת כְּבוֹד עוֹלָם הַבָּא** וואס מיט דעם געבט ער כָּבוֹד פארן אייבערשטן אויף אין עוֹלָם הַבָּא, אויף יענע וועלט, **שֶׁהַכָּבוֹד הָרִאשׁוֹן נַעֲשָׂה קָפוּי וְקַל, נֶגֶד הַכָּבוֹד הַשֵּׁנִי** וואס דורכדעם זעט מען אז די ערשטע כָּבוֹד איז געווען זייער ווייניג אנטקעגן די צווייטע כָּבוֹד וואס ער געבט יעצט פארן אייבערשטן.

**יעצט,** אז א מענטש טוט תְּשׁוּבָה א גאנצן צייט דורך אָפְּשְׁווייגן אויף זיינע בִּזְיוֹנוֹת וואס ער ווערט פארשעמט, גייט ער מיט די מִדָּה פון שֵׁם אֶ-קְ-יֶ-ה [אז ער וויל כְּסֵדֶר זיין בעסער און בעסער], מִמֵּילָא איז ער זוֹכֶה צו כְּבוֹד אֱלֹקִים.

**זאגט** יעצט דער הייליגער רַבִּי, אז דאס אלעס איז ביי דעם מענטש וואס שווייגט אָפּ, אָבער דאס וואס דער אייבערשטער שווייגט אָפּ בְּשַׁעַת מען פארשעמט אים, און שטראפט נישט גלייך דעם מענטש - איז צוליב אן אנדערע סִיבָּה, **וְזֶה שֶׁאוֹמֵר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** און דאס זאגט דער אייבערשטער, (תְּהִלִּים נ, כא): **'אֵלֶּה עָשִׂיתָ'** די שלעכטע זאכן האסטו געטון, **'וְהֶחֱרַשְׁתִּי'** און איך האב געשוויגן, **'דִּמִּיתָ הֱיוֹת אֶהְיֶה כָמוֹךָ'** מיינסטו אז איך וועל זיין אזוי ווי דיר, מְוַתֵּר זיין אויף די שלעכטע מַעֲשִׂים? ניין, נאר 'אוֹכִיחֲךָ וְאֶעֶרְכָה לְעֵינֶיךָ' איך וועל דיך שטראפן פאר דיינע אויגן, **כִּי הָאָדָם עַל יְדֵי**

**שֶׁמַּחֲרִישׁ, נַעֲשֶׂה בְּחִינַת אקיה, כַּנַּ"ל. אֲבָל הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא, מַה שֶּׁמַּחֲרִישׁ לָאָדָם, אֵין זֶה בִּשְׁבִיל אקיה, חַס וְשָׁלוֹם, כִּי זֶה אֵין שַׁיָּךְ אֵצֶל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. אֵין זֶה אֶלָּא כְּדֵי שֶׁיְּקַבְּלוּ עָנְשָׁם בָּעוֹלָם הַבָּא, שֶׁאָז מְסַדְּרִין לְעֵינָיו עֲווֹנוֹתָיו, וְיוֹכִיחַ אוֹתוֹ עַל פָּנָיו, וְזֶה: אוֹכִיחֲךָ וְאֶעֶרְכָה לְעֵינֶיךָ:**

**ד וּכְשֶׁרוֹצֶה אָדָם לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה, צָרִיךְ לִהְיוֹת בָּקִי בַּהֲלָכָה, וְצָרִיךְ לִהְיוֹת לוֹ שְׁנֵי בְּקִיאוּת, הַיְנוּ בָּקִי בְּרָצוֹא, בָּקִי**

שֶׁמַּחֲרִישׁ ווייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, נַעֲשֶׂה בְּחִינַת אֶקְיֶה איז עֶר זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן אֶ־קֱ־יֶ־ה, כֶּתֶר, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אות ב), **אֲבָל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** אָבֶּער דֶער אייבֶּערְשְׁטֶער, **מַה שֶּׁמַּחֲרִישׁ לָאָדָם** דָאס וָואס עֶר שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיפְן מֶענְטְשׁ וָואס פַארְשֶׁעמְט אִים - **אֵין זֶה בִּשְׁבִיל אֶקְיֶה חַס וְשָׁלוֹם** דָאס איז נִישְׁט צוּלִיבּ אֶ־קֱ־יֶ־ה, **כִּי זֶה אֵין שַׁיָּךְ אֵצֶל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** ווייל דָאס איז נִישְׁט שַׁייךְ בַּיים אייבֶּערְשְׁטְן, **אֵין זֶה אֶלָּא כְּדֵי שֶׁיְּקַבְּלוּ עָנְשָׁם בָּעוֹלָם הַבָּא** דָאס איז נָאר צוּלִיבּ דֶעם אַז דִי רְשָׁעִים זָאלְן בַּאקוּמֶען זֵייעֶר שְׁטְרָאף אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, **שֶׁאָז מְסַדְּרִין לְעֵינָיו עֲווֹנוֹתָיו** ווייל דֶעמָאלְט לֵייגְט מֶען אוֹיס אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת פַאר זַיינֶע אוֹיגְן, **וְיוֹכִיחַ אוֹתוֹ עַל פָּנָיו** און מֶען וֶועט זֵיי גֶעבְּן דֶעם שְׁטְרָאף, **וְזֶה** און דָאס איז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, **'אוֹכִיחֲךָ וְאֶעֶרְכָה לְעֵינֶיךָ'** אִיךְ וֶועל דִיךְ שְׁטְרָאפְן פַאר דַיינֶע אוֹיגְן:

ד

**וּכְשֶׁרוֹצֶה אָדָם לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וויל תְּשׁוּבָה טוּן, **צָרִיךְ לִהְיוֹת בָּקִי בַּהֲלָכָה** דַארְף עֶר זִיךְ גוּט אוֹיסְקֶענֶען ווִי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, צוּ קֶענֶען גֵיין און נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, ווייל מַה־דָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט - איז יֶעדֶע רֶגַע פוּן זַיין לֶעבְּן אִין אַ סַכָּנָה פוּן אַרָאפְּפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דֶער בַּעַל תְּשׁוּבָה, וָואס הָאט שׁוֹין גֶעזִינְדִיגְט און זִיךְ פַארְשְׁמִירְט מִיט עֲבֵירוֹת, אַז עֶר ווִיל יֶעצְט תְּשׁוּבָה טוּן - דַארְף עֶר ווִיסְן ווִי אַזוֹי צוּ גֵיין און זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, און נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס מֶען דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין. **וְצָרִיךְ לִהְיוֹת לוֹ שְׁנֵי בְּקִיאוּת** און מֶען דַארְף זִיךְ גוּט אוֹיסְקֶענֶען אִין צְוֵויי וֶועגְן נִישְׁט זִיךְ אוֹיסְצוּגְלִיטְשְׁן, **הַיְנוּ** אֵיין וֶועג אִיז, **בָּקִי בְּרָצוֹא** מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט; אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז מַצְלִיחַ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, און אֲפִילוּ מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ הוֹיכֶע מַדְרֵיגוֹת, מֶען דִינְט דֶעם אייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ בְּרֶען און הִתְלַהֲבוּת - זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז מֶען קֶען שׁוֹין בְּלַייבְּן שְׁטֵיין און מֶען דַארְף נִישְׁט וַוייטֶער גֵיין, נָאר מֶען זָאל שְׁטְרֶעבְּן צוּ גֵיין וַוייטֶער מֶער און מֶער, און אוֹיךְ דַארְף מֶען קֶענֶען גֵיין אוֹיף נָאךְ אַ וֶועג, **בָּקִי בְּשׁוּב** בָּקִי בְּשׁוּב, דָאס הֵייסְט, אוֹיבּ מֶען אִיז חַס וְשָׁלוֹם נָאכְאַמָאל

בְּשׁוּב, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: 'זַכָּאָה מַאן דְּעַיִל וְנָפִיק' (זֹהַר וַיַּקְהֵל ריג:, הַאֲזִינוּ רצב.).

**וְזֶה בְּחִינַת** (תְּהִלִּים קל"ט): **"אִם אֶסַּק שָׁמַיִם — שָׁם אָתָּה", בְּחִינַת עַיִל, בְּחִינַת בָּקִי בְּרָצוֹא. "וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל — הִנֶּךָּ", בְּחִינַת וְנָפִיק, בְּחִינַת**

אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִינְמִיטְן תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין טוּן שְׁלֶעכְטְס – טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן אוּן טְרַאכְטְן אַז מֶען אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן, נָאר מֶען דַארְף וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נָאכְאַלְץ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים, אוּן זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן נָאכְאַמָאל זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דֶער וָואס אִיז בָּקִי אִין דִי צְוֵויי וֶועגְן, 'גֵיין' אוּן 'קוּמֶען' – דֶער קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט: 'זַכָּאָה מַאן דְּעַיִל וְנָפִיק' וואוּיל אִיז דֶעם וָואס גֵייט אַרַיין אוּן קוּמְט אַרוֹיס (זֹהַר וַיַּקְהֵל ריג:, הַאֲזִינוּ רצב.) אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז אַרַיין אִין דִי קְדוּשָּׁה – וֵוייסְט עֶר אַז עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, נָאר עֶר דַארְף אַלְץ גֵיין וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער, אוּן אוֹיךְ אוֹיבּ עֶר פַאלְט אַרָאפּ זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, נָאר וִויסְן אַז עֶר קֶען נָאכְאַלְץ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (חֲגִיגָה יד:) פִיר מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אַרוֹיף אִין הִימְל, 'בֶּן עַזַּאי', 'בֶּן זוֹמָא', 'אַחֵר' אוּן 'רֶבִּי עֲקִיבָא'; 'בֶּן עַזַּאי הֵצִיץ וָמֵת', בֶּן עַזַּאי אִיז אַרוֹיף הֶעכֶער וִוי זַיין מַדְרֵיגָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן דִי גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט אוּן עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, 'בֶּן זוֹמָא הֵצִיץ וְנִפְגַּע', בֶּן זוֹמָא הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען 'בָּקִי בְּרָצוֹא' שְׁטֶענְדִיג צוּ שְׁטְרֶעבְּן צוּ גֵיין הֶעכֶער אוּן גֵיין וַוייטֶער, אַחֵר אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען 'בָּקִי בְּשׁוֹב', צוּ וִויסְן אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען פַאלְט אַרָאפּ קֶען מֶען נָאכְאַלְץ תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן, עֶר קֶען מֶער נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, נָאר רֶבִּי עֲקִיבָא אִיז אַרַיין בְּשָׁלוֹם אוּן אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם, עֶר הָאט זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען סַיי בְּ'רָצוֹא' אוּן סַיי בְּ'שׁוֹב', אוּן עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען.

**וְזֶה** בְּחִינַת דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים קל"ט, ח), דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט: '**אִם אֶסַּק שָׁמַיִם**' אַז אִיךְ גֵיי אַרוֹיף אִין הִימְל – '**שָׁם אָתָּה**' דָארְט בִּיסְטוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, בְּחִינַת עַיִל דָאס אִיז וָואס דֶער זוֹהַר זָאגְט (זֹהַר, שָׁם) וואוּיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה אַרַיין צוּ גֵיין, בְּחִינַת בָּקִי **בְּרָצוֹא** אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ מַדְרֵיגוֹת – וֵוייסְט מֶען אַז מֶען דַארְף גֵיין נָאךְ הֶעכֶער אוּן נָאךְ הֶעכֶער, אוּן דָאס וָואס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים, שָׁם): '**וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל**' אוּן וֶוען אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ וִוי אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין דָארְט אוֹיסְגֶעבֶּעט אַ בֶּעט, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֵיינְמָאל פוּן דָארְט נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין, '**הִנֶּךָּ**' דָאךְ וֵוייס אִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דוּ בִּיסְט אוֹיךְ דָא אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית נֶעבְּן מִיר, בְּחִינַת וְנָפִיק

**בָּקִי בְּשׁוּב. וְזֶה** (שִׁיר-הַשִּׁירִים ו): **"אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי". 'אֲנִי לְדוֹדִי', — זֶה בְּחִינַת עַיִל. 'וְדוֹדִי לִי' — זֶה בְּחִינַת וְנָפִיק. [וְזֶה סוֹד כַּוָּנַת אֱלוּל], וְזֶה עִקַּר כְּבוֹדוֹ.**

**וְזֶה** (יְשַׁעְיָהוּ נ"ח): **"וְכִבַּדְתּוֹ מֵעֲשׂוֹת דְּרָכֶיךָ". 'דְּרָכֶיךָ' — לְשׁוֹן רַבִּים. הַיְנוּ עַיִל וְנָפִיק,**

אַזוֹי ווי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט 'זַכָּאָה מַאן ... וְנָפִיק' וואוּיל אִיז דֶעם וָואס ווֵייסְט ווי אַזוֹי מֶען גֵייט אַרוֹיס, דָאס מֵיינְט מֶען אַז אֲפִילוּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן – **בְּחִינַת בָּקִי בְּשׁוּב** דַארְף מֶען אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען קֶען זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן.

**וְזֶה** דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים ו, ג): **'אֲנִי לְדוֹדִי'** אִיךְ ווִיל נָאר דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, **'וְדוֹדִי לִי'** אוּן דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער ווִיל מִיךְ, אִין דֶעם פָּסוּק אִיז מְרוּמָז דִי צְוֵויי בְּקִיאוּת וָואס מֶען דַארְף ווִיסְן ווֶען מֶען ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, אֵיינְס אִיז **'אֲנִי לְדוֹדִי'** אִיךְ ווִיל דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, **זֶה בְּחִינַת עַיִל** דָאס אִיז וָואס דֶער זוֹהַר זָאגְט, וואוּיל אִיז דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין, דָאס הֵייסְט אַז אַלְץ ווִיל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, אוּן דִי צְווֵייטֶע זַאךְ – **'וְדוֹדִי לִי'** אַז דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער ווִיל מִיךְ; **זֶה בְּחִינַת וְנָפִיק** ווֶען אִיךְ גֵיי אַרוֹיס, אִיךְ גֵיי חַס וְשָׁלוֹם אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָּׁה, קוּמְט דֶער אֵייבֶערְשְׁטֶער צוּ מִיר אוּן זָאגְט מִיר: 'דוֹדִי לִי, אִיךְ דַארְף דִיךְ, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, קֶער זִיךְ צוּרִיק צוּ מִיר'.

**[וְזֶה סוֹד כַּוָּנַת אֱלוּל]**, אוּן דָאס אִיז דִי סוֹד פוּן אֱלוּל, אֱלוּל אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אֲ'נִי לְ'דוֹדִי וְ'דוֹדִי לִ'י (פְּרִי עֵץ חַיִּים שַׁעַר כה, פֶּרֶק א), אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל ווֶען אַלֶע טוּעֶן תְּשׁוּבָה, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען ווִיסְן דִי צְוֵויי בְּקִיאוּת, ווַייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

**וְזֶה עִקַּר כְּבוֹדוֹ** אוּן דָאס אִיז דֶער עִיקָר ווֶעג ווי אַזוֹי מֶען אִיז מְכַבֵּד דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, ווַייל ווֶען מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, מֶען לָאזְט נִישְׁט אָפּ דִי ווִילְן, מֶען ווִיל אַלְץ זַיין מֶער גוּט, מֶען ווִיל אַלְץ זַיין נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן; סַיי ווֶען עֶס גֵייט גוּט אוּן סַיי ווֶען מֶען פַאלְט צוּרִיק אוּן עֶס גֵייט נִישְׁט – דָאס אִיז דִי עִיקָר ווי אַזוֹי מֶען אִיז מְכַבֵּד דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן, **וְזֶה** דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ נ"ח, יג): **'וְכִבַּדְתּוֹ'** אוּן דוּ ווֶעסְט אִים מְכַבֵּד זַיין, **'מֵעֲשׂוֹת דְּרָכֶיךָ'** פוּן צוּ טוּן דַיינֶע ווֶעגְן; דֶער פָּסוּק רֶעדְט פוּן מְכַבֵּד זַיין דֶעם שַׁבָּת, שַׁבָּת אִיז תְּשׁוּבָה (אַזוֹי ווי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אוֹת ג'); פַארְוָואס כַאפְּט עֶר אָן **'דְּרָכֶיךָ' לְשׁוֹן רַבִּים** 'דַיינֶע ווֶעגְן' – אַ לָשׁוֹן פוּן אַפָּאר ווֶעגְן? נָאר דָא אִיז מְרוּמָז דִי צְוֵויי בְּקִיאוּת וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן ווֶען מֶען ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, **הַיְנוּ עַיִל** סַיי ווֶען עֶס גֵייט גוּט, **וְנָפִיק** אוּן סַיי ווֶען מֶען פַאלְט אַרוֹיס, זָאל מֶען ווִיסְן ווי אַזוֹי זִיךְ צוּ הַאלְטְן שְׁטַארְק אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ ווֶען מֶען פַאלְט אַרָאפּ, אוּן מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק מִיט תְּשׁוּבָה צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, אוּן מֶען צִיט זִיךְ ווַייטֶער צוּ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגוֹת – אִיז מֶען

**וּכְשֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵלּוּ הַשְּׁנֵי בְּקִיאוּת הַנַּ"ל, אֲזַי הוּא הוֹלֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה וְזוֹכֶה לִכְבוֹד ה', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְכִבַּדְתּוֹ מֵעֲשׂוֹת דְּרָכֶיךָ", הַיְנוּ שֶׁזּוֹכֶה לְכֶתֶר, כִּי לֵית כָּבוֹד בְּלֹא כָּךְ, וְאָז יְמִין ה' פְּשׁוּטָה לְקַבֵּל תְּשׁוּבָתוֹ, [וְזֶה סוֹד כַּוָּנַת אֱלוּל]:**

זוֹכֶה צוּ מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁנֵי עוֹלָמוֹת, אוֹיף צְוֵויי וֶועלְטְן (אַזוֹי ווי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אוֹת ג'), וַוייל מִיט דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טוּט פָּשׁוּט תְּשׁוּבָה, אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן כָּבוֹד פַּארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן מִיט דֶעם וָואס עֶר טוּט תְּשׁוּבָה דִי צְוֵוייטֶע מָאל, דָאס הֵייסְט עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע תְּשׁוּבָה, וַוייל הַיינְט אַנֶערְקֶענְט עֶר שׁוֹין מֶער דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – אִיז עֶר דוּרְכְדֶעם מְכַבֵּד דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, אוּן אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ זָאגְט דֶער פָּסוּק (יְשַׁעְיָה שָׁם, יד): 'אָז תִּתְעַנַּג עַל ה', דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ כְּבוֹד אֱלֹקִים, צוּ שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וּכְשֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵלּוּ הַשְּׁנֵי בְּקִיאוּת הַנַּ"ל** אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט בֵּיידֶע וֶועגְן, אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן אִיז עֶר שְׁטַארְק מִיט עַקְשָׁנוּת נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דִי גוּטֶע ווילְן – **אֲזַי הוּא הוֹלֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה** אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גֵיין אִין דִי רִיכְטִיגֶע וֶועגְן פוּן תְּשׁוּבָה, **וְזוֹכֶה לִכְבוֹד ה'** אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה, צוּ שְׁפִּירְן שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: '**וְכִבַּדְתּוֹ מֵעֲשׂוֹת דְּרָכֶיךָ**' אוּן דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּרְךְ גֵיין אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן 'עַיִל וְנָפִיק', שְׁטֶענְדִיג וֶועלְן זַיין מֶער גוּט.

[עֶר כַאפְּט אָן דִי לָשׁוֹן 'דְּרָכֶיךָ' צְוֵויי דְּרָכִים, אֵיין וֶועג אִיז בָּקִי בְּ'רָצוֹא', אוּן דִי צְוֵוייטֶע וֶועג אִיז בָּקִי בְּ'שׁוֹב', אוּן דִי וָוארְט 'דֶרֶ"ךְ' בַּאטְרֶעפְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג (224), דָאס בַּאטְרֶעפְט צְוֵויי מָאל דִי וָוארְט 'בָּקִ"י'; וַוייל אִין יֶעדֶע פַאל, סַיי וֶוען מֶען הָאלְט בַּיי בָּקִי בְּ'רָצוֹא' אִיז דָארְט אַלֵיין דָא בֵּיידֶע בְּחִינוֹת, דָארְט דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן בָּקִי בְּ'שׁוֹב', אוּן אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען הַאלְט בַּיי בָּקִי בְּ'שׁוֹב' אִיז דָארְט אוֹיךְ דָא דִי זַאךְ פוּן וֶועלְן גֵיין הֶעכֶער פוּן בָּקִי בְּ'שׁוֹב', דָאס אִיז מְרוּמָז אִינֶעם פָּסוּק מֵעֲשׂוֹת 'דְּרָכֶיךָ', צְוֵויי מָאל דֶרֶ"ךְ, וָואס יֶעדֶע מָאל דֶרֶ"ךְ אִיז צְוֵויי מָאל בָּקִ"י]; וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, וֶוען מֶען הָאט סַבְלָנוּת, מֶען וַוארְט; **הַיְנוּ שֶׁזּוֹכֶה לְכֶתֶר** מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ כֶּתֶר, דָאס מֵיינְט מֶען וַוארְטְן; אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת, מֶען לוֹיפְט נִישְׁט אַוֶועק אֲפִילוּ עֶס נֶעמְט אַ לַאנְגֶע צַייט. **כִּי לֵית כָּבוֹד** וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ כְּבוֹד אֱלוֹקִי, **בְּלֹא כָּךְ** אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל זִיךְ אַיינְבֵּייגְן מִיט הַכְּנָעָה אוּן אוֹיסְוַוארְטְן אוֹיף דִי יְשׁוּעָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְאָז** אוּן דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה, אַז **יְמִין ה' פְּשׁוּטָה** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הַאנְט אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט צוּ אִים, **לְקַבֵּל תְּשׁוּבָתוֹ** אָנְצוּנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה. [וְזֶה סוֹד

כַּוָּנַת **אֱלוּל**] און דָאס אִיז דִי סוֹד פוּן דִי כַּוָּנוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען אַלֶע אִידְן עוֹסֵק אִין תְּשׁוּבָה, דַארְף מֶען דֶעמָאלְט הָאבְּן דִי צְוֵויי בְּקִיאוּת צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן.

**ה וְעַל־יְדֵי הַדְּמִימָה וְהַשְּׁתִיקָה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת חִירִיק, כַּמּוּבָא בְּתִקּוּנִים** (בְּהַקְדָּמָה ז.). **"וְתַחַת רַגְלָיו כְּמַעֲשֵׂה לִבְנַת הַסַּפִּיר"** (שְׁמוֹת כ"ד) **— דָּא חִירִיק, וְזֶה בְּחִינַת** (יְשַׁעְיָהוּ ס"ו)**: "וְהָאָרֶץ הֲדֹם רַגְלָי". 'הֲדֹם' — זֶה בְּחִינַת דְּמִימָה, וְזֶה בְּחִינַת הַנְּקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה שֶׁל תְּמוּנַת א. וּנְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה שֶׁעַל הָאָלֶף**

ה

**יְעַצְט** זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז דוּרְךְ אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף דִי בִּזְיוֹנוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה נִישְׁט נָאר צוּ תְּשׁוּבָה, נָאר מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגָּה, צוּ מַעֲשֵׂה מֶרְכָּבָה. **וְעַל יְדֵי הַדְּמִימָה וְהַשְּׁתִיקָה** און וֶוען מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, **נַעֲשֶׂה בְּחִינַת חִירִיק** קוּמְט מֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן 'חִירִיק', מֶען וֶוערְט אַזוֹי וִוי אַ קְלֵיינֶע פִּינְטְל וָואס לִיגְט פוּן אוּנְטְן, אַזוֹי וִוי דִי נְקוּדָה פוּן חִירִיק וָואס אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַ פִּינְטְל אוּנְטֶערְן אוֹת. וַוייל וֶוען מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט, מֶען אִיז מְקַבֵּל דִי בִּזְיוֹנוֹת, מֶען אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן כֶּתֶר און פוּן כְּבוֹד אֱלוֹקִי, **כַּמּוּבָא בַּתִּקּוּנִים** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תִּיקוּנֵי זוֹהַר (בְּהַקְדָּמָה, ז.) אוֹיפְן פָּסוּק (שְׁמוֹת כ"ד, י): **'וְתַחַת רַגְלָיו'** און אוּנְטֶער זַיינֶע פִיס, **'כְּמַעֲשֵׂה לִבְנַת הַסַּפִּיר'** אִיז אַזוֹי וִוי דִי וֶוערְק פוּן אַ צִיגְל פוּן בְּרִילְיַאנְט, **דָא** חִירִיק דָאס אִיז דִי נְקוּדָה פוּן חִירִיק, וַוייל בַּיי דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע מַדְרֵיגָה שַׁיינְט און לַייכְט דִי נְקוּדָה פוּן חִירִיק, **וְזֶה בְּחִינַת** דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ ס"ו, א), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: 'הַשָּׁמַיִם כִּסְאִי' דֶער הִימְל אִיז מַיין שְׁטוּל, **'וְהָאָרֶץ'** און דִי עֶרְד - **'הֲדֹם רַגְלָי'** אִיז מַיין פוּס בֶּענְקְל, אוּנְטֶער מַיינֶע פִּיס; טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי נָאךְ אַ פְּשַׁט, **'וְהָאָרֶץ'** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר אִיז אוֹיף אַ נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה, און עֶר וִויל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וִויל נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה **'הֲדֹם רַגְלָי'**, **'הֲדֹם'** דִי וָוארְט 'הֲדֹם' - **זֶה בְּחִינַת** אִיז אַ לָשׁוֹן **דְּמִימָה** פוּן שְׁוַוייגְן, דוּרְךְ שְׁוַוייגְן און מְקַבֵּל זַיין דִי בִּזְיוֹנוֹת, בִּיז מֶען וֶוערְט אִינְגַאנְצְן בָּטֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט קְלֵיינְטְשִׁיג, אַזוֹי וִוי אַ פִּינְטְל פוּן אַ חִירִיק - דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ כֶּתֶר, צוּ כְּבוֹד אֱלוֹקִי.

**וְזֶה בְּחִינַת הַנְּקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה שֶׁל תְּמוּנַת א'** אוֹיף דֶעם אִיז מְרַמֵּז דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּן אוֹת א', דִי אוֹת א' אִיז אַזוֹי וִוי אַ פִּינְטְל פוּן אוֹיבְן, אַ פִּינְטְל פוּן אִינְטְן און עֶס לוֹיפְט שִׁיף אִינְדֶערְמִיט - צְווִישְׁן דִי צְוֵויי פִּינְטְלֶעךְ - אַזוֹי וִוי אַ ו'. דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל וַוייזְט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ וָואס הַאלְט זִיךְ קְלֵיין און קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר שְׁטֵייט נִישְׁט אֵיינְגֶע'עַקְשָׁנְ'ט אוֹיף זַיינֶע רֶעכְטְן, **וּנְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה שֶׁעַל הָאָלֶף** און דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע

פִּינְטְל פוּנֶעם אוֹת א׳ – זֶה בְּחִינַת כֶּתֶר אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן כֶּתֶר, בְּחִינַת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּיי דִי נְבוּאָה וָואס יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָאט גֶעזֶען, (יְחֶזְקֵאל א, כו): 'וּמִמַּעַל לָרָקִיעַ' אוּן פוּן אִיבֶּער דֶעם הִימְל, 'אֲשֶׁר עַל רֹאשָׁם' וָואס אִיז אוֹיף זֵייעֶר קָאפּ (פוּן דִי מַלְאָכִים), הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַזוֹי וִוי אַן אוֹיסְזֶען פוּן 'אֶבֶן סַפִּיר' אַ סַאפִּיר שְׁטֵיין, 'דְמוּת כִּסֵּא' דֶער אוֹיסְזֶען פוּן דֶעם כִּסֵּא הַכָּבוֹד; דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט, וָואס מֵיינְט 'דְמוּת כִּסֵּא', עֶס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן בַּאהַאלְטְן, 'דְּמִתְכַּסְיָא לְעֵילָא' וָואס זִי וֶוערְט פַארְדֶעקְט אוּן בַּאהַאלְטְן פוּן אוֹיבְן, 'מִוָּא"ו שֶׁבָּאָלֶ"ף' דוּרְךְ דִי ו׳ וָואס לוֹיפְט שִׁיף אִינְמִיטְן דִי אוֹת אַלֶף, 'דְמִתְקַרְיָא רָקִיעַ' וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן רָקִיעַ (שָׁם בַּתִּקּוּנִים).

**זֶה בְּחִינַת כֶּתֶר, בְּחִינַת** (יְחֶזְקֵאל א): **"וּמִמַּעַל לָרָקִיעַ אֲשֶׁר עַל רֹאשָׁם אֶבֶן סַפִּיר דְּמוּת כִּסֵּא", 'דְּמִתְכַּסְיָא לְעֵילָא מִוָּא"ו שֶׁבָּאָלֶ"ף, דְּמִתְקַרְיָא רָקִיעַ'** (שָׁם בַּתִּקּוּנִים)**, וְהַנְּקֻדָּה הִיא כִּסֵּא דְּמִתְכַּסְיָא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (חֲגִיגָה יג.)**: "בַּמֻּפְלָא מִמְּךָ אַל תִּדְרשׁ, וּבַמְכֻסֶּה מִמְּךָ אַל תַּחְקֹר", וְזֶה בְּחִינַת: "כְּבוֹד אֱלֹקִים הַסְתֵּר דָּבָר", בְּחִינַת כֶּתֶר.**

**וְהַוָּא"ו שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶף, הוּא רָקִיעַ, שָׁמַיִם, אֵשׁ**

**דָאס** אִיז פְּשַׁט אִינֶעם פָּסוּק 'וּמִמַּעַל לָרָקִיעַ' אוּן פוּן הֶעכֶער דֶעם ו׳ פוּנֶעם אוֹת א׳ וָואס אִיז אַזוֹי וִוי אַ הִימְל, גֶעפִינְט זִיךְ 'אֶבֶן סַפִּיר' דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן כֶּתֶר, דָאס אִיז דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳, וְהַנְּקֻדָּה אִין דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳ הִיא כִּסֵּא דָאס אִיז דִי כִּסֵּא הַכָּבוֹד, דְּמִתְכַּסְיָא וָואס זִי אִיז בַּאהַאלְטְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יג.): 'בַּמֻּפְלָא מִמְּךָ אַל תִּדְרשׁ' אִין זַאכְן וָואס אִיז פַארְהוֹילְן פוּן דִיר זָאלְסְטוּ נִישְׁט דַרְשְׁ'נֶען, 'וּבַמְכֻסֶּה מִמְּךָ' אוּן אִין זַאכְן וָואס זֶענֶען פַארְדֶעקְט פוּן דִיר – אַל תַּחְקֹר זָאלְסְטוּ נִישְׁט פָארְשְׁן; וַוייל דָארְט דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן דִי זַאךְ פוּן 'בָּקִי בְּרָצוֹא' אוּן 'בָּקִי בְּשׁוֹב', פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען אַלְץ גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען וֵוייסְט נָאךְ גָארְנִישְׁט, וָואס דָאס אִיז בָּקִי בְּ'שׁוֹב', אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען זִיךְ בֶּענְקֶען צוּ קוּמֶען נָאךְ הֶעכֶער, וָואס דָאס אִיז בָּקִי בְּ'רָצוֹא', וְזֶה בְּחִינַת אוּן דָאס ווִיסְן אַז מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט – 'כְּבוֹד אֱלֹקִים' דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מוֹדֶה אוּן זָאגְט: 'הַסְתֵּר דָּבָר' אִיךְ וֵוייס גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר וַוייט, אוּן מֶען בֶּענְקְט אוּן מֶען וִויל קוּמֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – בְּחִינַת כֶּתֶר דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן כֶּתֶר.

**וְהַוָּא"ו** שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶף דִי מִיטְלְסְטֶע שְׁטְרִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער אוֹת ו׳, וָואס לוֹיפְט אִינֶעם א׳ – הוּא רָקִיעַ אִיז אַזוֹי וִוי דֶער הִימְל, דֶער הִימְל רוּפְט מֶען שָׁמַיִם שָׁמַיִם, פַארְוָואס רוּפְט מֶען דִי הִימְל שָׁמַיִם? וַוייל שָׁמַיִם אִיז דִי וֶוערְטֶער אֵשׁ וּמַיִם אֵשׁ וּמַיִם, פַייעֶר אוּן וַואסֶער, וַוייל דִי

**וּמַיִם, בְּחִינַת הַכּוּשָׁה שֶׁנִּשְׁתַּנָּה פָּנָיו לְכַמָּה גְּוָנִין. וְזֶה בְּחִינַת רָקִיעַ כְּלָלִיּוּת הַגְּוָנִין. וְנַעֲשֶׂה עַל־יְדֵי־זֶה אָדָם לָשֶׁבֶת עַל הַכִּסֵּא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שָׁם בִּיחֶזְקֵאל): **"וּדְמוּת כְּמַרְאֵה אָדָם עָלָיו מִלְמָעְלָה", 'כִּי לֵית אָדָם בְּלָא אָלֶ"ף'** (שָׁם).

**וְזֶה אוֹתִיּוֹת אָדָם, אָלֶף דָּם. הַיְנוּ עַל־יְדֵי דּם לַה', נַעֲשֶׂה אָלֶ"ף, וְנַעֲשֶׂה אָדָם לָשֶׁבֶת עַל הַכִּסֵּא. כִּי הַוָּא"ו שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶף הוּא רָקִיעַ כְּלָלִיּוּת הַגְּוָנִין, הַיְנוּ הַכּוּשָׁה,**

הִימְל אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן דִי צְוֵויי זַאכְן, אוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים, מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים אוּן עֶר שְׁוַויגְט אָפּ – וֶוערְט אִין אִים אַזוֹי וִוי אַ הִימְל, עֶס לוֹיפְן אִין אִים אַרִיבֶּער דִי צְוֵויי זַאכְן, אֵשׁ וּמַיִם, פַייעֶר אוּן וַואסֶער; בְּחִינַת הַכּוּשָׁה וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט – שֶׁנִּשְׁתַּנָּה פָּנָיו לְכַמָּה גְּוָנִין וֶוערְט דֶער פָּנִים פַארְעֶנְדֶערְט מִיט אַפָאר קָאלִירְן, וְזֶה בְּחִינַת עֶס וֶוערְט בַּיי אִים אַזוֹי וִוי רָקִיעַ אַ הִימְל, כְּלָלִיּוּת הַגְּוָנִין וָואס הָאט אַפָאר קָאלִירְן, וְנַעֲשֶׂה עַל יְדֵי זֶה אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה דוּרְכְדֶעם צוּ קוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן **אָדָם לָשֶׁבֶת עַל הַכִּסֵּא** זַיין אַזוֹי וִוי אַ מֶענְטְשׁ וָואס זִיצְט אוֹיפְן שְׁטוּל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם בִּיחֶזְקֵאל): 'וּדְמוּת' אוּן דָאס אוֹיסְזֶעֶן, 'כְּמַרְאֵה' וִוי דָאס גֶעשְׁטַאלְט, 'אָדָם עָלָיו מִלְמָעְלָה' פוּן אַ מֶענְטְשׁ – אִיז דָא אוֹיפְן שְׁטוּל, 'כִּי לֵית **אָדָם בְּלָא אָלֶ"ף**' (שָׁם) וַוייל אָן דֶעם תִּיקוּן וָואס אִיז מְרוּמָּז אִין דֶעם אוֹת א' – קֶען מֶען נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן אָדָם – אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זִיצְן אוֹיפְן שְׁטוּל.

**וְזֶה** אוּן דָאס אִיז, **אוֹתִיּוֹת אָדָם** דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי וָוארְט 'אָדָם', **אָלֶף דָּם** דִי וָוארְט אָדָם אִיז דִי אוֹתִיּוֹת א' – דָּם, אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט דִי רְמָזִים פוּן אוֹת א', 'דָּם' דָאס אִיז דִי קָאכֶעדִיגֶע בְּלוּט אִינֶעם מֶענְטְשׁ; אוֹיךְ אִיז א' מְרַמֵּז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אַלוּפוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר שְׁוַויגְט אָפּ אוֹיף זַיינֶע בִּזְיוֹנוֹת, הַיְנוּ עַל יְדֵי דּם לַה' דָאס הֵייסְט דוּרְךְ אָפְּשְׁוַוייגְן אוֹיף בִּזְיוֹנוֹת, וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – נַעֲשֶׂה אָלֶ"ף וֶוערְט דִי צַאמְשְׁטֶעל פוּנֶעם אוֹת א', וְנַעֲשֶׂה אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְט דִי צַאמְשְׁטֶעל פוּן דִי גַאנְצֶע וָוארְט 'אָדָם', אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה, **אָדָם לָשֶׁבֶת עַל הַכִּסֵּא** צוּ שְׁפִירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן יֶעדֶע פְּרַט אִין דִי בְּרִיאָה.

**אָבֶער** צוּ קֶענֶען אַרִיבֶּערְגֵיין דִי מְחִיצָה וָואס טֵיילְט אָפּ צְוִוישְׁן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ – נָאר אוֹיבּ מֶען נֶעמְט אָן דִי בִּזְיוֹנוֹת, מֶען לַיידְט אוּן מֶען שְׁוַויגְט אוֹיף דִי שְׁפִיכוּת דָמִים וָואס מֶען הָאט, **כִּי הַוָּא"ו שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶף** וַוייל דִי ו' אִינְמִיטְן דֶעם א', **הוּא רָקִיעַ כְּלָלִיּוּת הַגְּוָנִין** וָואס הָאט אִין זִיךְ פִילֶע קָאלִירְן, **הַיְנוּ הַכּוּשָׁה** אִיז מְרַמֵּז אוֹיף

**כַּנַּ"ל. וְהַנְּקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה הִיא הַשְּׁתִיקָה וְהַדְּמִימָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְהָאָרֶץ הֲדֹם רַגְלָי", וְזֶה בְּחִינַת חִירִיק, בְּחִינַת: "וְתַחַת רַגְלָיו", וְהַנְּקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה הוּא כִּסֵּא דְּמִתְכַּסְיָא, בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, בְּחִינַת: "כְּבוֹד אֱלֹקִים הַסְתֵּר דָּבָר", בְּחִינַת: "בַּמְּכֻסֶּה מִמְּךָ אַל תַּחְקֹר", בְּחִינַת: "וּמִמַּעַל לָרָקִיעַ דְּמוּת כִּסֵּא וְכוּ', וְנַעֲשֶׂה אָדָם לָשֶׁבֶת עַל הַכִּסֵּא", בְּחִינַת: "כְּמַרְאֵה אָדָם עָלָיו מִלְמָעְלָה".**

די בּוּשָׁה, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי פְּרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אוּן דָאס אַלֵיין אִיז די מְחִיצָה וָואס טֵיילְט אָפּ צְווִישְׁן דֶעם מֶענְטְשׁ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בִּזְיוֹנוֹת, חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן בִּלְבּוּלִים, אוּן עֶר וֶוערְט דֶערְבִּיטֶערְט פוּן אַלֶע זַיינֶע יְרִידוֹת, וֶוערְט עֶר דוּרְךְ דֶעם חַס וְשָׁלוֹם דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערִיבֶּער וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר זֶעט זִיךְ אַזוֹי ווַייט פוּן די קְדוּשָּׁה, זָאל עֶר ווִיסְן אַז וְהַנְּקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה הִיא הַשְּׁתִיקָה וְהַדְּמִימָה וֶוען מֶען אִיז אִין אַ נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה אִיז די עֵצָה צוּ שְׁוַוייגְן אוּן לַיידְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָה סו, א): 'וְהָאָרֶץ' אוּן די עֶרְד, 'הֲדֹם רַגְלָי' אִיז מַיין פוּס בֶּענְקְל, הֲדֹם אִיז אוֹיךְ טַייטְשׁ שְׁוַוייגְן, אַזוֹי ווי פְּרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, וַוייל וֶוען מֶען אִיז אִין אַ נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה, מֶען אִיז אוֹיף דֶער עֶרְד – אִיז די עֵצָה שְׁוַוייגְן; וְזֶה בְּחִינַת חִירִיק זַיין בַּיי זִיךְ ווי אַ קְלֵיינֶע פִּינְטְל אוּנְטֶערְן אוֹת, בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווי די פִּינְטְל חִירִיק וָואס לִיגְט אוּנְטֶערְן אוֹת, בְּחִינַת: 'וְתַחַת רַגְלָיו' לִיגְן פוּן אוּנְטֶער די פִּיס, זַיין גְרֵייט מֶען זָאל אִים צֶעטְרֶעטְן; אַזוֹי צֶעבְּרֶעכְט מֶען די מְחִיצָה וָואס טֵיילְט אָפּ צְווִישְׁן אִים אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, בִּיז מֶען קוּמְט אָן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פִּינְטְל.

**וְהַנְּקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה** אוּן די אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל – **הוּא כִּסֵּא דְּמִתְכַּסְיָא** דָאס אִיז די הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּחִינַת תְּשׁוּבָה וָואס צוּ דֶעם קֶען מֶען נָאר זוֹכֶה זַיין אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, אוּן מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ אִין די שְׁוֶוערֶע צַייטְן; מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר, אוּן פוּן די אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייסְט מֶען אַז מֶען קֶען נָאךְ גֵיין אַלְץ הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, בְּחִינַת אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'כְּבוֹד אֱלֹקִים הַסְתֵּר דָּבָר', בְּחִינַת: 'בַּמְּכֻסֶּה מִמְּךָ אַל תַּחְקֹר', בְּחִינַת: 'וּמִמַּעַל לָרָקִיעַ דְּמוּת כִּסֵּא וְכוּ' מֶען וֵוייסְט אַז עֶס אִיז דָא אַלְץ הֶעכֶערְס, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ די רִיכְטִיגֶע תִּיקוּן, 'וְנַעֲשֶׂה' מֶען קוּמְט צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ די מַדְרֵיגָה פוּן 'אָדָם לָשֶׁבֶת עַל הַכִּסֵּא' שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן די גַאנְצֶע בְּרִיאָה, בְּחִינַת אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט: 'כְּמַרְאֵה אָדָם עָלָיו מִלְמָעְלָה' [אַזוֹי ווי די גֶעשְׁטַאלְט, ווי אַ מֶענְטְשׁ זִיצְט אוֹיפְן שְׁטוּל], מֶען וֵוייסְט אַז די גַאנְצֶע וֶועלְט, אַלֶעס וָואס אִיז דָא אִיז אַלֶעס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין.

**וְאָז** נַעֲשֶׂה יִחוּד בֵּין חַמָּה לִלְבָנָה, שֶׁהַשֶּׁמֶשׁ מֵאִיר לַלְּבָנָה, וְנַעֲשֶׂה יִחוּד בֵּין משֶׁה וִיהוֹשֻׁעַ, כִּי (בָּבָא בַּתְרָא עה.) 'פְּנֵי משֶׁה כִּפְנֵי חַמָּה', וְדָא נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה, בְּחִינַת כִּסֵּא, בְּחִינַת משֶׁה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים פ"ט): "וְכִסְאוֹ כַשֶּׁמֶשׁ נֶגְדִּי", בְּחִינַת: "וּמִמַּעַל לָרָקִיעַ דְּמוּת כִּסֵּא". וְהַנְּקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה הִיא יְהוֹשֻׁעַ, בְּחִינַת לְבָנָה, בְּחִינַת: "וְתַחַת רַגְלָיו כְּמַעֲשֵׂה לִבְנַת", דָּא לְבָנָה. וְהַוָּא"ו שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶף הוּא הָרָקִיעַ, הוּא בְּחִינַת הָאֹהֶל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת ל"ג): "וִיהוֹשֻׁעַ

**וְאָז** און דֶעמָאלְט ווען מֶען איז זוֹכֶה און מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, סַיי ווען מֶען פַּאלְט אַרָאפּ אִיז מֶען בָּקִי בְּשׁוּב, און סַיי ווען מֶען אִיז בָּעֲלִיָּה אִיז מֶען בָּקִי בְּרָצֹא – נַעֲשֶׂה יִחוּד בֵּין חַמָּה לִלְבָנָה ווערט די זון און די לְבָנָה אֵיינְס, שֶׁהַשֶּׁמֶשׁ מֵאִיר לַלְּבָנָה ווייל די זון שַׁיינְט צוּ די לְבָנָה, די אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א' שַׁיינְט צוּם אוּנְטֶערְשְׁטְן פִּינְטְל, וְנַעֲשֶׂה יִחוּד בֵּין משֶׁה וִיהוֹשֻׁעַ און עֶס ווערט אֵיינְס פון משֶׁה רַבֵּינוּ מִיט יְהוֹשֻׁעַ, כִּי ווייל די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא עה.): 'פְּנֵי משֶׁה כִּפְנֵי חַמָּה' די פָּנִים פון משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַזוֹי ווי די זון, 'וּפְנֵי יְהוֹשֻׁעַ כִּפְנֵי לְבָנָה', און די פָּנִים פון יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעשַׁיינְט אַזוֹי ווי די לְבָנָה, **וְדָא נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה** וואס דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן די אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם אוֹת א', **בְּחִינַת כִּסֵּא** די הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פון כֶּתֶר. **בְּחִינַת משֶׁה** משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי די הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פִּינְטְל פוּנֶעם א', די מַדְרֵיגָה פון כֶּתֶר, אוֹיךְ ווערט אָנְגֶערוּפְן די הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה 'זוּן', דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אַ רְאָיָ' אַז 'כִּסֵּא' מִיט 'שֶׁמֶשׁ' זֶענֶען אֵיין זַאךְ, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פ"ט, לז): 'וְכִסְאוֹ' און זַיין שְׁטוּל וועט לַייכְטְן, 'כַּשֶּׁמֶשׁ' אַזוֹי ווי די זון, 'נֶגְדִּי' אַנְטְקֶעגְן מִיר, **בְּחִינַת** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט: 'וּמִמַּעַל לָרָקִיעַ' און פון הֶעכֶער די רָקִיעַ, **דְּמוּת כִּסֵּא** אִיז דָאס גֶעשְׁטַאלְט פון כִּסֵּא, דָאס מֵיינְט די מַדְרֵיגָה פון די אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א', וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף די זוּן. **וְהַנְּקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה** און די אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם אוֹת א' – **הִיא יְהוֹשֻׁעַ** אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ, **בְּחִינַת לְבָנָה** וָואס אִיז אַזוֹי ווי די לְבָנָה וָואס אִיז מְקַבֵּל פוּנֶעם רֶבִּי'ן, **בְּחִינַת** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת כ"ד, י): 'וְתַחַת רַגְלָיו' און אוּנְטֶער זַיינֶע פִיס, 'כְּמַעֲשֵׂה לִבְנַת' אִיז אַזוֹי ווי די ווערְק פון אַ צִיגְל, **דָא לְבָנָה** לִבְנַת אִיז די זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת ווי לְבָנָה, **וְהַוָּא"ו שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶף** די מִיטְלְסְטֶע שְׁטְרִיךְ וָואס לוֹיפְט אִינֶעם א', **הוּא הָרָקִיעַ** אִיז אַזוֹי ווי דֶער הִימְל, **הוּא בְּחִינַת הָאֹהֶל** וָואס די הִימְלֶען זֶענֶען אַזוֹי ווי גֶעצֶעלְטְן פַאר די ווֶעלְט.

**פְּרִיעֶר** הָאבְּן מִיר גֶעזֶען אַז יְהוֹשֻׁעַ – דֶער תַּלְמִיד – אִיז נָאכְנִישְׁט בַּיי די הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פון צַדִּיק, פון משֶׁה רַבֵּינוּ, יְהוֹשֻׁעַ אִיז בַּיי די מַדְרֵיגָה פון די אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל, און בַּיי יְהוֹשֻׁעַ זֶעעֶן מִיר די זַאךְ פון 'אֹהֶל', זִיצְן אִין גֶעצֶעלְט, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק

בִּן נוּן לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל". וְ'אֹהֶל' הוּא רָקִיעַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ מ): "וַיִּמְתָּחֵם כָּאֹהֶל לָשָׁבֶת", וּכְתִיב (תְּהִלִּים ק"ד): "נוֹטֶה שָׁמַיִם כַּיְרִיעָה", וְזֶה (שְׁמוֹת כ"ו): "יְרִיעוֹת הָאֹהֶל".

**וְכִסֵּא** הָעֶלְיוֹן, הַיְנוּ נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה נֶחְלֶקֶת לְשָׁלֹשׁ טִפִּין. כִּי תְּשׁוּבָה צָרִיךְ לִהְיוֹת בְּשָׁלֹשׁ תְּנָאִים, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ ו): "פֶּן יִרְאֶה בְעֵינָיו, וּבְאָזְנָיו יִשְׁמָע, וּלְבָבוֹ יָבִין וָשָׁב". וְאֵלּוּ הַשָּׁלֹשׁ בְּחִינוֹת

(שְׁמוֹת ל"ג, יא): 'וִיהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן' און יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן, 'לֹא יָמִישׁ' הָאט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועקְגֶערוּקְט, 'מִתּוֹךְ הָאֹהֶל' פוּן זַיין אִינֶעווֵייניג אִין דִי גֶעצֶעלְט, וְאֹהֶל הוּא רָקִיעַ און אַ גֶעצֶעלְט אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וִוי דִי הִימְל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ מ, כב): 'הַנּוֹטֶה כַדֹּק שָׁמַיִם' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט - וִוי אַ דִינֶע הוֹיט - דֶעם הִימְל, 'וַיִּמְתָּחֵם כָּאֹהֶל לָשָׁבֶת' און עֶר הָאט זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייט וִוי אַ גֶעצֶעלְט צוּ זִיצְן אוּנְטֶער דֶעם, זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן - 'לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל' הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט דֶעם אוֹהֶל, דָאס מֵיינְט מֶען דִי הִימְלֶען, עֶר הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן צוּ קוּמֶען צוּ דִי הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, עֶר הָאט גֶעבֶּענְקְט צוּ קוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן כֶּתֶר. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט נָאךְ אַ רְאָיֶ' אַז דִי הִימְל און גֶעצֶעלְט זֶענֶען אֵיין זַאךְ, וּכְתִיב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים ק"ד, ב): 'נוֹטֶה שָׁמַיִם כַּיְרִיעָה' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשְׁפְּרֵייט דִי הִימְלֶען אַזוֹי וִוי אַ פָּארְהַאנְג, זֶעט מֶען אַז דִי הִימְלֶען זֶענֶען אַזוֹי וִוי אַ פָּארְהַאנְג, וְזֶה און עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת כ"ו, יב): 'יְרִיעוֹת הָאֹהֶל' דִי פָּארְהַאנְג פוּנֶעם גֶעצֶעלְט; זֶעעֶן מִיר אַז פָּארְהַאנְג, גֶעצֶעלְט און הִימְל - זֶענֶען מְרַמֵּז אוֹיף אֵיין זַאךְ.

**וְכִסֵּא** הָעֶלְיוֹן דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע כִּסֵּא, הַיְנוּ נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה דָאס מֵיינְט מֶען דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א', נֶחְלֶקֶת וֶוערְט צֶעטֵיילְט - לְשָׁלֹשׁ טִפִּין אִין דְרֵיי טְרָאפְּלֶעךְ, אַז מֶען וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ אָנְקוּמֶען צוּ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל, מוּז מֶען תְּשׁוּבָה טוּן דוּרְךְ טוּן דְרֵיי זַאכְן. כִּי תְּשׁוּבָה צָרִיךְ לִהְיוֹת בְּשָׁלֹשׁ תְּנָאִים תְּשׁוּבָה אִיז צֶעטֵיילְט אִין דְרֵיי זַאכְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ ו, י), דֶער נָבִיא זָאגְט אַז אַ אִידְן הָאבְּן מוֹרָא אוֹיסְצוּהֶערְן דִי נְבִיאִים: 'פֶּן יִרְאֶה בְעֵינָיו' וַוייל טָאמֶער וֶועט עֶר זֶען מִיט זַיינֶע אוֹיגְן אַז דֶער נָבִיא אִיז גֶערֶעכְט און עֶר וֶועט דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, 'וּבְאָזְנָיו יִשְׁמָע' און מִיט זַיינֶע אוֹיעֶרְן וֶועט עֶר צוּהֶערְן דִי רֵייד, 'וּלְבָבוֹ יָבִין' און זַיין הַארְץ וֶועט עֶס פַארְשְׁטֵיין, 'וָשָׁב' און עֶר וֶועט תְּשׁוּבָה טוּן; אַז מֶען וִויל תְּשׁוּבָה טוּן מִיט אַן אֱמֶת, דַארְף מֶען טוּן דְרֵיי זַאכְן, 'יִרְאֶה בְעֵינָיו' קוּקְן מִיט דִי אוֹיגְן, אוֹיפְזוּכְן וָואוּ אִיז דֶער אֱמֶת, 'וּבְאָזְנָיו יִשְׁמָע' מֶען זָאל אוֹיסְהֶערְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער צַדִּיק הָאֱמֶת, 'וּלְבָבוֹ יָבִין' און אַרַיינְלֵייגְן אִין הַארְץ דִי זִיסֶע לִימוּדִים פוּן צַדִּיק, דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ 'וָשָׁב וְרָפָא לוֹ'.

**וְאֵלּוּ** הַשָּׁלֹשׁ בְּחִינוֹת און דִי דְרֵיי זַאכְן פוּן

תְּשׁוּבָה, הֵם נְקֻדַּת סֶגּוֹ"ל שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיס וִוי דִי נְקוּדָה סֶגּוֹ"ל, וַוייל דְרַיי אִיז אַזוֹי וִוי אַ סֶגּוֹל וָואס הָאט דְרַיי פִּינְטְלֶעךְ, וָואס דִי דְרַיי פִּינְטְלֶעךְ פוּן סֶגּוֹל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי דְרַיי סְפִירוֹת כֶּתֶר, חָכְמָה, בִּינָה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט 'וְסֶגּוֹל דָא חַמָּה' (תִּקּוּנִים בְּהַקְדָּמָה ז:) אַז דִי נְקוּדָה סֶגּוֹ"ל אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן זוּן, הַיְינוּ דָאס אִיז וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן: 'פְּנֵי מֹשֶׁה כִּפְנֵי חַמָּה' מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס פָּנִים הָאט גֶעשַׁיינְט אַזוֹי וִוי דִי זוּן, וַוייל דִי אוֹיבֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א' וָואס אִיז 'כֶּתֶר' אוּן 'תְּשׁוּבָה' – דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן דִי פָּנִים פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאךְ גֶעשַׁיינְט וִוי דִי זוּן, קוּמְט אוֹיס אַז דִי אוֹיבֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א' אִיז דִי שַׁיין פוּן דִי זוּן; עֶס שַׁיינְט אוּן לַייכְט אַזוֹי שְׁטַארְק דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – אַזוֹי וִוי דִי 'זוּן', וָואס דִי 'זוּן' אִיז אַ סֶגּוֹ"ל, דְרַיי פִּינְטְלֶעךְ, צוּ וַוייזְן אַז אוֹיב מֶען ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה – דַארְף מֶען תְּשׁוּבָה טוּן מִיט דִי דְרַיי זַאכְן, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּצוּקוּמֶען צוּ דִי אוֹיבֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א'.

ו

[**דֶער** רֶבִּי הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן ה) אַז רַבָּה בַּר בַּר חָנָה אִיז

**הֵם נְקֻדַּת סֶגּוֹ"ל, 'וְסֶגּוֹל דָא חַמָּה'** (תִּקּוּנִים בְּהַקְדָּמָה ז:)**, הַיְנוּ פְּנֵי מֹשֶׁה כִּפְנֵי חַמָּה.**

**ו וְזֶה פֵּרוּשׁ: אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה: זִימְנָא חֲדָא הֲוָה אָזְלִינָן בְּמַדְבְּרָא, וַחֲזִינָן הָנֵי אַוָּזֵי דִשְׁמִיטִין גַּדְפַיְהוּ מִשַּׁמְנַיְהוּ, וְקָא נָגְדֵי נַחֲלֵי דְמִשְׁחָא מִתּוּתַיְהוּ. וְאָמִינָא לְהוּ: אִית לִי מִנַּיְכוּ חוּלְקָא לְעָלְמָא דְאָתֵי? חֲדָא דָּלְיָא לִי אַטְמָא, וַחֲדָא דָּלְיָא לִי גַּדְפָא. כִּי אֲתָאִי לְקַמֵּיהּ דְּרַבִּי אֶלְעָזָר, אָמַר לִי:**

גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן אִים פָארְגֶעהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר לֵייגְט נִישְׁט צוּ הַארְץ צוּ זַיינֶע וֶוערְטֶער, עֶר הָאט אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל צוּלֵייגְן הַארְץ צוּ זַיינֶע וֶוערְטֶער, אוּן עֶר וֶועט אִים אַנְטְפְּלֶעקְן וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן.]

**יֶעצְט** גֵייט דֶער רֶבִּי צַאמְפְּלֶעכְטְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אוּן דָאס אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן רַבָּה בַּר בַּר חָנָה.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין דִי גְמָרָא (בָּבָא בַּתְרָא עג:), **'אָמַר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה'** רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזָאגְט: **'זִימְנָא חֲדָא'** אֵיינְמָאל, **'הֲוָה אָזְלִינָן בְּמַדְבְּרָא'** זֶענֶען מִיר גֶעגַאנְגֶען אִין אַ מִדְבָּר, **'וַחֲזִינָן'** אוּן מִיר הָאבְּן גֶעזֶען, **'הָנֵי אַוָּזֵי'** קַאטְשְׁקֶעס, **'דִשְׁמִיטִין גַּדְפַיְהוּ'** וָואס דִי פֶעדֶערְן זֵייעֶרֶע זֶענֶען אוֹיסְגֶעריסְן **'מִשַּׁמְנַיְהוּ'** פוּן זַיין אַזוֹי פֶעט, **'וְקָא נָגְדֵי'** אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן **'נַחֲלֵי דְמִשְׁחָא'** טַייכְן פוּן אוֹיל **'מִתּוּתַיְהוּ'** פוּן אוּנְטֶער זֵיי, **'וְאָמִינָא לְהוּ'** אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט, **'אִית לִי מִנַּיְכוּ חוּלְקָא לְעָלְמָא דְאָתֵי'** הָאבּ אִיךְ פוּן עֶנְק אַ חֵלֶק פַאר עוֹלָם הַבָּא? **'חֲדָא'** אֵיין קַאטְשְׁקֶע – **'דָּלְיָא לִי אַטְמָא'** הָאט מִיר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי פִּיס, **'וַחֲדָא'** אוּן אֵיין קַאטְשְׁקֶע – **'דָּלְיָא לִי גַּדְפָא'** הָאט מִיר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי פְלִיגְל, **'כִּי אֲתָאִי לְקַמֵּיהּ דְּרַבִּי אֶלְעָזָר'** ווֶען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי אֶלְעָזָר אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי

מַעֲשֶׂה, 'אָמַר לִי' הָאט מִיר רֶבִּי אֶלְעָזָר גֶעזָאגְט 'עֲתִידִין יִשְׂרָאֵל לִתֵּן עֲלֵיהֶם אֶת הַדִּין' דִי אִידְן וֶועלְן אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף דֶעם אוֹיךְ (בָּבָא בַּתְרָא עג:)

מַדְרֵיגָה פוּן עֲנָוָה, דָאס זָאגְט עֶר: 'זִימְנָא חֲדָא הֲוָה אַזְלִינַן בְּמַדְבְּרָא', מִדְבָּר וַוייזְט אוֹיף עֲנָוָה, שֶׁאָדָם מֵשִׂים עַצְמוֹ אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז בַּיי זִיךְ כַּמִּדְבָּר לָדוּשׁ אַזוֹי וִוי

**רַשְׁבַּ"ם:** דֶער רַשְׁבַּ"ם טַייטְשְׁט דִי גְמָרָא 'דִּשְׁמִיטִין גַּדְפַּיְהוּ' דָאס מֵיינְט מֶען נָפְלוּ נוֹצָה שֶׁלָּהֶם דִי פֶעדֶערְן זַייעֶרֶע זֶענֶען אוֹיסְגֶערִיסְן, מֵרֹב שׁוּמָן פוּן זַיין אַזוֹי פֶעט, 'דַּלְיָא לִי גַּדְפָּא' הִגְבִּיהַּ לִי הַכָּנָף הָאט מִיר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי פְלִיגֶל, רָמַז אִים צוּ מְרַמֵּז זַיין זֶהוּ חֶלְקְךָ לֶעָתִיד לָבוֹא דָאס אִיז דַיין חֵלֶק אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, לִתֵּן עֲלֵיהֶם אֶת הַדִּין אָפְּצוּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן, שֶׁבְּחַטֹּאתָם אַז צוּלִיב עֶנְקֶערֶע עֲבֵירוֹת מִתְעַכֵּב מָשִׁיחַ הַאלְט זִיךְ צוּרִיק מָשִׁיחַ פוּן קוּמֶען, וְיֵשׁ לָהֶם צַעַר בַּעֲלֵי חַיִּים אוּן עֶס אִיז דָא צַעַר פַאר דִי בַּעֲלֵי חַיִּים, לְאוֹתָן אַוָּזִין פַאר דִי קַאטְשְׁקֶעס, מֵחֲמַת שׁוּמָנָן צוּלִיב זַייעֶרֶע פֶּעטְנְס.

**עֲתִידִין יִשְׂרָאֵל לִתֵּן עֲלֵיהֶם אֶת הַדִּין:** (בָּבָא בַּתְרָא עג:)

**רַשְׁבַּ"ם:**

**דִּשְׁמִיטִין גַּדְפַּיְהוּ נָפְלוּ נוֹצָה שֶׁלָּהֶם מֵרֹב שׁוּמָן: דַּלְיָא לִי גַּדְפָּא הִגְבִּיהַּ לִי הַכָּנָף, רָמַז — זֶהוּ חֶלְקְךָ לֶעָתִיד לָבוֹא: לִתֵּן עֲלֵיהֶם אֶת הַדִּין שֶׁבְּחַטֹּאתָם מִתְעַכֵּב מָשִׁיחַ, וְיֵשׁ לָהֶם צַעַר בַּעֲלֵי־חַיִּים, לְאוֹתָן אַוָּזִין, מֵחֲמַת שׁוּמָנָן:**

**שֶׁהָלַךְ — לַחְקֹר בַּמִּדָּה הַטּוֹבָה שֶׁל עֲנָוָה, שֶׁאָדָם מֵשִׂים עַצְמוֹ כַּמִּדְבָּר לָדוּשׁ, שֶׁהַכֹּל דָּשִׁין עָלָיו. וְרָאָה חֲכָמִים, וְזֶה בְּחִינַת אַוָּזֵי, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (בְּרָכוֹת נז:)**: 'הָרוֹאֶה אַוָּז בַּחֲלוֹם יְצַפֶּה לְחָכְמָה'.**

**דִּשְׁמִיטִין גַּדְפַּיְהוּ — פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: נוֹצוֹת, זֶה**

אַ מִדְבָּר צוּ טְרֶעטְן אוֹיף אִים, שֶׁהַכֹּל דָשִׁין עָלָיו וָואס אַלֶע טְרֶעטְן אוֹיף אִיה, וְרָאָה חֲכָמִים אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען חֲכָמִים, וְזֶה בְּחִינַת 'אַוָּזֵי' דָאס מֵיינְט עֶר צוּ זָאגְן מִיט דֶעם וָואס עֶר זָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען קַאטְשְׁקֶעס, דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען חֲכָמִים, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת נז:): 'הָרוֹאֶה אַוָּז בַּחֲלוֹם' וֶוער עֶס זֶעט אִין חָלוֹם אַ קַאטְשְׁקֶע - 'יְצַפֶּה לְחָכְמָה' אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ חָכְמָה.

'**דִּשְׁמִיטִין גַּדְפַּיְהוּ**' וָואס דִי פֶעדֶערְן זַייעֶרֶע זֶענֶען אוֹיסְגֶערִיסְן, פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י דֶער רַשְׁבַּ"ם זָאגְט: 'גַּדְפַּיְהוּ' מֵיינְט מֶען

**טַייטְשְׁט** דֶער רֶבִּי: שֶׁהָלַךְ לַחְקֹר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין, בַּמִּדָּה הַטּוֹבָה שֶׁל עֲנָוָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע

'נוֹצוֹת' פֶעדֶערְן, דִי פֶעדֶערְן זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפַאלְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא אַז 'נוֹצוֹת' הָאט נָאךְ אַ טַייטְשׁ, זֶה נוֹצוֹת מֵיינְט מֶען בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת וּבִזְיוֹנוֹת מַחֲלֹקֶת

בְּחִינַת מַחֲלֹקֶת וּבִזְיוֹנוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דְּבָרִים כ"ה): "כִּי יִנָּצוּ אֲנָשִׁים", הַיְנוּ שֶׁאֵין מַשְׁגִּיחִין עַל מַחֲלֹקֶת וּבִזְיוֹנוֹת שֶׁמְּבַזִּין אוֹתָן, וְשׁוֹמְעִים חֶרְפָּתָן וְאֵינָם מְשִׁיבִים. וְעַל שֵׁם הַשְּׁתִיקָה נִקְרָאִים חֲכָמִים, כִּי (אָבוֹת ג): 'סְיָג לַחָכְמָה — שְׁתִיקָה':

[כִּי הַשְּׁתִיקָה הִיא בְּחִינַת כֶּתֶר*]. וְזֶה לְשׁוֹן

* (כִּי עַל־יְדֵי הַשְּׁתִיקָה זוֹכִין לִתְשׁוּבָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת כֶּתֶר, כַּנַּ"ל. וְזֶה בְּחִינַת: 'סְיָג לַחָכְמָה שְׁתִיקָה'. 'סְיָג' דַּיְקָא, זֶה בְּחִינַת כֶּתֶר, שֶׁהוּא בְּחִינַת סְיָג וְגָדֵר סָבִיב סָבִיב, שֶׁמְּסַבֵּב וּמַכְתִּיר וּמַעֲטִיר אֶת הַחָכְמָה, וְזֶה הַכֶּתֶר, שֶׁהוּא בְּחִינַת סְיָג, נַעֲשֶׂה מֵהַשְּׁתִיקָה, כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ: 'סְיָג לַחָכְמָה שְׁתִיקָה', כַּנַּ"ל).

און בִּזְיוֹנוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים כ"ה, יא): 'כִּי יִנָּצוּ אֲנָשִׁים' אוֹיבּ מֶענְטְשְׁן וֶועלְן זִיךְ קְרִיגְן, זָאגְט רַבָּה בַּר בַּר חָנָה אַז דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶען 'אַוָּזֵי' – וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף חָכְמָה, וָואס דִי 'נוֹצוֹת' [קְרִיגֶערֵייעֶן] – זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפַאלְן, דָאס הֵייסְט עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דָארְט קַיין קְרִיגֶערֵייעֶן, דִי חֲכָמִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקְרִיגְט, הַיְנוּ שֶׁאֵין מַשְׁגִּיחִין עַל מַחֲלֹקֶת וּבִזְיוֹנוֹת שֶׁמְּבַזִּין אוֹתָן זֵיי קוּקְן נִישְׁט אוֹיף דִי מַחֲלֹקֶת און בִּזְיוֹנוֹת וָואס מֶען קְרִיגְט אוֹיף זֵיי און מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי, וְשׁוֹמְעִים חֶרְפָּתָן וְאֵינָם מְשִׁיבִים זֵיי הֶערְן וִוי מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי און זֵיי עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט, וְעַל שֵׁם הַשְּׁתִיקָה און דֶערְפַאר וָואס זֵיי שְׁוַוייגְן אָפּ – נִקְרָאִים חֲכָמִים ווערן זֵיי גֶערֶעכְנְט פַאר חֲכָמִים, כִּי וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ג, יג): 'סְיָג לַחָכְמָה' אַ צוֹים אָפְּצוּהִיטְן דֶערִין דִי חָכְמָה – שְׁתִיקָה אִיז שְׁוַוייגְן, וַוייל דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה, 'יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק' אָפְּצוּשְׁוַוייגְן אוֹיף אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים.

[כִּי הַשְּׁתִיקָה הִיא בְּחִינַת כֶּתֶר] וַוייל דוּרְךְ שְׁוַוייגְן קוּמְט מֶען צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן כֶּתֶר, כִּי עַל יְדֵי הַשְּׁתִיקָה וַוייל דוּרְךְ שְׁוַוייגְן – זוֹכִין לִתְשׁוּבָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ תְּשׁוּבָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת כֶּתֶר וָואס דָאס אִיז דִי מַדְרֵיגָה פוּן כֶּתֶר, אֶ־קְ־יֶ־ה, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב'), וְזֶה בְּחִינַת דָאס אִיז וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן: 'סְיָג לַחָכְמָה' וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אָפְּהִיטְן דִי חָכְמָה? שְׁתִיקָה דוּרְךְ שְׁוַוייגְן; 'סְיָג' דַּיְקָא עֶר כַאפְּט אָן דִי וָוארְט סְיָג, זֶה בְּחִינַת כֶּתֶר סְיָג מֵיינְט מֶען דִי קְרוֹין, שֶׁהוּא בְּחִינַת סְיָג וְגָדֵר סָבִיב סָבִיב אַזוֹי וִוי אַ צוֹים וָואס גֵייט אַרוּם און אַרוּם, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז אַ קְרוֹין, שֶׁמְּסַבֵּב וָואס נֶעמְט אַרוּם וּמַכְתִּיר וּמַעֲטִיר און בַּאקְרוֹינְט – אֶת הַחָכְמָה דִי חָכְמָה פוּנֶעם קָאפּ, וְזֶה הַכֶּתֶר און דִי קְרוֹין, שֶׁהוּא בְּחִינַת סְיָג וָואס אִיז אַזוֹי וִוי אַ צוֹים אָפְּצוּהִיטְן דִי חָכְמָה – נַעֲשֶׂה מֵהַשְּׁתִיקָה דָאס וֶוערְט דוּרְךְ שְׁוַוייגְן, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי פְרִיעֶר אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. וְזֶהוּ: 'סְיָג לַחָכְמָה שְׁתִיקָה' דוּרְךְ שְׁוַוייגְן, לַיידְן און וַוארְטְן – קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן כֶּתֶר, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, וָואס דָאס אִיז תְּשׁוּבָה; אַז מֶען וַוארְט, מֶען לַיידְט און מֶען שְׁוַוייגְט, מֶען פְרֶעגְט

נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אֲפִילוּ מֶען זֶעט זִיךְ אַז מֶען אִיז אַזוֹי וַוייט, אוּן מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, מֶען פְּלָאגְט זִיךְ אַזוֹיפִיל טֶעג אוּן יָארְן, אוּן נָאכְאַלְץ אִיז מֶען אַזוֹי וַוייט; אוֹיב מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ אוּן מֶען פְּרֶעגְט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוּן קַיין שְׁאֵלוֹת, אוּן מֶען זוּכְט נִישְׁט צוּ פַארְשְׁטֵיין זַאכְן וָואס אִיז הֶעכֶער אוּנְזֶער שֵׂכֶל - דָאס אִיז תְּשׁוּבָה.

**וְזֶה לָשׁוֹן** יֶעצְט בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַ רְאָיָ', אַז 'דִשְׁמִטִין', דִי וָוארְט 'דִשְׁמִטִין' - מֵיינְט אָפְּלָאזְן, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק בַּיי דִי דִין פוּן שְׁמִיטָה (דְּבָרִים ט"ו, ב): **'שָׁמוֹט כָּל בַּעַל מַשֵּׁה יָדוֹ'** נָאכְלָאזְן זָאל יֶעדֶער דִי חוֹב וָואס זַיין הַאנְט הָאט גֶעבָּארְגְט, הַיְנוּ דָאס הֵייסְט אַז דִי וָוארְט 'דִשְׁמִטִין' קוּמְט אוֹיךְ מְרַמֵּז זַיין, **שֶׁלֹּא יִתְבַּע עֶלְבּוֹנוֹ** אַז מֶען זָאל נִישְׁט מָאנֶען דָאס פַארְשֶׁעמֶען וָואס מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים, נָאר מֶען זָאל אָפְּשְׁוַויינְגְן.

**וְזֶה פֵּרוּשׁ** אוּן דָאס אִיז וַוייטֶער פְּשַׁט אִין דִי וֶוערְטֶער וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה הָאט גֶעזָאגְט, אַז עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן זַייעֶרֶע פֶּעדֶערְן מִשְּׁמְנַיְהוּ פוּן זַייעֶרֶע פֶעטְנְס, מִלְּשׁוֹן דָאס קוּמְט פוּן דֶעם לָשׁוֹן וָואס דֶער פָּסוּק

**דִשְׁמִטִין, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (דְּבָרִים ט"ו): **"שָׁמוֹט כָּל בַּעַל מַשֵּׁה יָדוֹ", הַיְנוּ שֶׁלֹּא יִתְבַּע עֶלְבּוֹנוֹ.**

**וְזֶה פֵּרוּשׁ מִשַּׁמְנַיְהוּ — מִלְּשׁוֹן: "שָׁמַנְתָּ עָבִיתָ",** (כְּלוֹמַר: מֵחֲמַת שֶׁאוֹחֲזִין עַצְמָן בִּבְחִינַת (דְּבָרִים ל"ב): **"שָׁמַנְתָּ עָבִיתָ"), הַיְנוּ בִּשְׁבִיל זֶה שׁוֹמְעִין חֶרְפָּתָן וְאֵינָם מְשִׁיבִים, כִּי זֶה עוֹשִׂין בִּשְׁבִיל תְּשׁוּבָה עַל עֲווֹנוֹתָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שָׁם): **"וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן".** (בְּחִינַת הַשְּׁמֵן לֵב כּוּ', וְאָזְנָיו כּוּ', פֶּן יִרְאֶה כּוּ', שֶׁהַתְּשׁוּבָה צָרִיךְ לִהְיוֹת בִּשְׁלֹשָׁה תְּנָאִים אֵלּוּ).

**וְנַגְדֵי נַחְלֵי דְּמִשְׁחָא מִתְּחוּתַיְהוּ**

זָאגְט (דְּבָרִים לב, טו): **'שָׁמַנְתָּ'** בִּיסְט פֶּעט גֶעוָוארְן, **'עָבִיתָ'** בִּיסְט דִיק גֶעוָוארְן, (כְּלוֹמַר עֶר מֵיינְט צוּ זָאגְן, מֵחֲמַת שֶׁאוֹחֲזִין עַצְמָן וַוייל זֵיי הַאלְטְן זִיךְ אַזוֹי וַוייט, זֵיי הַאלְטְן זִיךְ בִּבְחִינַת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים ל"ב, טו): **'שָׁמַנְתָּ עָבִיתָ'** בִּיסְט וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן), **הַיְנוּ בִּשְׁבִיל זֶה** דֶערְפַאר הַאלְטְן זֵיי זִיךְ אַזוֹי וַוייט, **שׁוֹמְעִין חֶרְפָּתָן** אַז וֶוען זֵיי הֶערְן וִוי מֶען פַארְשֶׁעמְט זֵיי - **וְאֵינָם מְשִׁיבִים** עֶנְטְפֶערְן זֵיי נִישְׁט, **כִּי זֶה עוֹשִׂין** וַוייל זֵיי טוּעֶן דָאס - **בִּשְׁבִיל תְּשׁוּבָה עַל עֲווֹנוֹתָם** פַאר אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף זַייעֶרֶע זִינְד, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם): **'וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן'** דִי אִידְן זֶענֶען פֶּעט גֶעוָוארְן (בְּחִינַת 'הַשְּׁמֵן לֵב כּוּ' אַ פַארְגְרֶעבְּטֶער הַארְץ, וְאָזְנָיו כּוּ' הַכְבֵּד', פַארְשְׁטָאפְּטֶע אוֹיעֶרְן, 'פֶּן יִרְאֶה כּוּ' בְּעֵינָיו', וָואס דָאס אִיז דֶער אָנְהוֹיב פוּנֶעם פָּסוּק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אִין אוֹת ה', צוּ זָאגְן, **שֶׁהַתְּשׁוּבָה צָרִיךְ לִהְיוֹת** אַז תְּשׁוּבָה דַארְף זַיין **בִּשְׁלֹשָׁה תְּנָאִים אֵלּוּ** מִיט דְרַיי תְּנָאִים, א' זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז דֶער [צַדִּיק] נָבִיא אִיז גֶערֶעכְט, ב) הֶערְן מִיט דִי אוֹיעֶרְן דִי הֵיילִיגֶע רֵייד, ג) אוּן דִי הַארְץ זָאל פַארְשְׁטֵיין).

**אוּן** דָאס וָואס רַבָּה בַּר בַּר חָנָה דֶערְצֵיילְט

— הַיְנוּ עַל־יְדֵי הַשְּׁתִיקָה זוֹכִין לְכָבוֹד אֱלֹקִי, שֶׁהוּא בְּחִינַת שֶׁמֶן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים מ"ה): "אָהַבְתָּ צֶּדֶק וַתִּשְׂנָא רֶשַׁע, עַל־כֵּן מְשָׁחֲךָ", וְזֶה בְּחִינַת (שָׁם כ"ד): "מֶלֶךְ הַכָּבוֹד".

**וְאַמִינָא** לְהוּ: אִית לִי מִינַּיְכוּ חוּלְקָא לְעָלְמָא דְּאָתֵי? חֲדָא דַּלְיָא לִי אַטְמָא — זֶה בְּחִינַת: "וְהָאָרֶץ הֲדֹם רַגְלָי", בְּחִינַת נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה, כַּנַּ"ל. וְחֲדָא דַּלְיָא לִי כְּנָף — זֶה בְּחִינַת כִּסֵּא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָהוּ ל): "וְלֹא יִכָּנֵף עוֹד מוֹרֶיךָ", זֶה בְּחִינַת הַנְּקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה. הַיְנוּ שֶׁהֶרְאוּ לְרַבָּה בַּר בַּר חָנָה, שֶׁגַּם הוּא זָכָה לְאֵלּוּ הַבְּחִינוֹת.

**'אָמַר** רַבִּי אֶלְעָזָר: עֲתִידִין

אַז 'וְנַגְדֵי' אוּן עֶס הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן, 'נַחֲלֵי דְּמַשְׁחָא' טַייכְן פוּן אוֹיל, 'מִתְּחוּתַיְהוּ' פוּן אוּנְטֶער זֵיי, הַיְנוּ דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן עַל יְדֵי הַשְּׁתִיקָה אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, זוֹכִין לְכָבוֹד אֱלֹקִי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ קוּמֶען צוּ כְּבוֹד אֱלוֹקִי, שֶׁהוּא בְּחִינַת שֶׁמֶן וָואס דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אוֹיל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים מ"ה, ח): 'אָהַבְתָּ צֶּדֶק' דוּ הָאסְט לִיבּ גֶערֶעכְטִיגְקֵייט, 'וַתִּשְׂנָא רֶשַׁע' אוּן דוּ הָאסְט פַיינְט שְׁלֶעכְטְס, 'עַל כֵּן מְשָׁחֲךָ' וֶועגְן דֶעם הָאט דִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזַאלְבְּט מִיט אוֹיל, אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ וֶוערְן גֶעזַאלְבְּט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג, דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דִי רִיכְטִיגֶע כָּבוֹד, וְזֶה בְּחִינַת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שָׁם כ"ד, ז): 'מֶלֶךְ הַכָּבוֹד', מֶלֶךְ הַכָּבוֹד, זֶעט מֶען אַז בַּיי אַ קֶענִיג אִיז דָא כָּבוֹד.

**'וָאַמִינָא** לְהוּ' אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: 'אִית לִי מִנַּיְכוּ חוּלְקָא לְעָלְמָא דְּאָתֵי' הָאבּ אִיךְ פוּן עֶנְק אַ חֵלֶק פַאר עוֹלָם הַבָּא? 'חֲדָא' אֵיין קַאטְשְׁקֶע, 'דַּלְיָא לִי אַטְמָא' הָאט מִיר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי פִּיס, זֶה בְּחִינַת: 'וְהָאָרֶץ הֲדֹם רַגְלָי', בְּחִינַת נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה דָאס הֵייסְט עֶר הָאט מִיר גֶעוִויזְן אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּן דִי א', וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף שְׁוַוייגְן, כַּנַּ"ל אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, 'וַחֲדָא דַּלְיָא לִי כְּנָף' אוּן דָאס וָואס עֶר דֶערְצֵיילְט אַז אֵיין קַאטְשְׁקֶע הָאט מִיר אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי פְלִיגְל, זֶה בְּחִינַת כִּסֵּא, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי כִּסֵּא, וָואס אִיז אוֹיךְ אַ לָשׁוֹן פוּן פַארְדֶעקְן אוּן פַארְשְׁטֶעלְן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָהוּ ל, כ): 'וְלֹא יִכָּנֵף עוֹד מוֹרֶיךָ' אוּן עֶס וֶועט זִיךְ שׁוֹין מֶער נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן פוּן דִיר דַיינֶע לֶערֶער, דָאס מֵיינְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס לֶערְנְט אוּנְז דֶעם גוּטְן וֶועג, זֶה בְּחִינַת הַנְּקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה דָאס מֵיינְט דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל וָואס לִיגְט אוֹיבְן אוֹיפְן אוֹת א', הַיְנוּ שֶׁהֶרְאוּ לְרַבָּה בַּר בַּר חָנָה מֶען הָאט גֶעוִויזְן פַאר רַבָּה בַּר בַּר חָנָה, שֶׁגַּם הוּא זָכָה לְאֵלּוּ הַבְּחִינוֹת אַז עֶר הָאט אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת.

**'אָמַר** רַבִּי אֶלְעָזָר' הָאט רֶבִּי אֶלְעָזָר

יִשְׂרָאֵל לִתֵּן עֲלֵיהֶם אֶת הַדִּין' — כִּי יִשְׂרָאֵל נִקְרָאִים אָדָם, וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְיִשְׂרָאֵל — כֻּלָּא חַד. וְיִשְׂרָאֵל, שֶׁהֵם בְּחִינַת אָדָם, יֵשְׁבוּ עַל הַכִּסֵּא, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְעַל הַכִּסֵּא דְּמוּת כְּמַרְאֵה אָדָם", וְיִשְׂרָאֵל יִתְּנוּ דִּין לְכָל בָּאֵי עוֹלָם, הַיְנוּ הֵם יִשְׁפְּטוּ בְּעַצְמָן כָּל הַדִּינִין:

**ז** וְזֶה פֵּרוּשׁ: (תְּהִלִּים מ"ז): "יַדְבֵּר עַמִּים תַּחְתֵּינוּ וּלְאֻמִּים תַּחַת

געזאגט: 'עֲתִידִין יִשְׂרָאֵל לִתֵּן עֲלֵיהֶם אֶת הַדִּין' אידישע קינדער וועלן אָפּגעבן אויף דעם אַ דִין וְחֶשְׁבּוֹן, דאס מיינט צו זאגן, כִּי יִשְׂרָאֵל נִקְרָאִים אָדָם ווייל אידישע קינדער ווערן אָנגערופן 'אָדָם', אַזוי ווי די הייליגע חֲכָמִים זאגן (יְבָמוֹת סא.): 'אַתֶּם קְרוּיִין אָדָם', אידישע קינדער ווערן אָנגערופן מיטן טיטל אָדָם, און דער הייליגער זוהר זאגט (אֱמֹר צג.) וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְיִשְׂרָאֵל כֻּלָּא חַד אידישע קינדער מיטן אייבערשטן זענען כִּבְיָכוֹל איינס, וְיִשְׂרָאֵל און לֶעָתִיד לָבוֹא ווען די אידן וועלן זוֹכֶה זיין צו קומען צו די הויכע מַדְרֵיגָה שֶׁהֵם בְּחִינַת וואס שטייט אין פָּסוּק: 'אָדָם יֵשְׁבוּ עַל הַכִּסֵּא' נִכְלָל ווערן אינעם אייבערשטן - וועלן זיי אָנקומען צו צאמשטעלן די א' ביזן אויבערשטן פינטל, און קומען צו די מַדְרֵיגָה פון 'אָדָם הַיּוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוי ווי עס שטייט אין פָּסוּק: 'וְעַל הַכִּסֵּא דְּמוּת כְּמַרְאֵה אָדָם' אַזוי ווי אויבן אויסגעשמועסט, אַז מען קען זוֹכֶה זיין זיך אויסצואַרבעטן און קומען אַזוי הויך, ביז מען ווערט נִכְלָל אינעם אייבערשטן, מען וויל שוין גאָרנישט, נאָר זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן, וְיִשְׂרָאֵל יִתְּנוּ דִּין לְכָל בָּאֵי עוֹלָם, הַיְנוּ דאס מיינט צו זאגן, אַז די אידן וועלן זיין אַזוי הויך, הֵם יִשְׁפְּטוּ בְּעַצְמָן כָּל הַדִּינִין די אידן וועלן מִשְׁפָּט'ן די דינים, זיי וועלן זיין די דַיָּנִים אינאיינעם מיטן אייבערשטן און מִשְׁפָּט'ן די פעלקער, אַזוי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זאָגן (תַּנְחוּמָא קְדוֹשִׁים, א), לֶעָתִיד לָבוֹא ווען מָשִׁיחַ וועט קומען, 'הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹשֵׁב' וועט דער אייבערשטער זיצן, 'וְהַמַּלְאָכִים נוֹתְנִין כִּסְאוֹת לִגְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל' און די מַלְאָכִים וועלן געבן זייערע שטולן פאַר די חָשׁוּבֶ'ע אידן, 'וְהֵן יוֹשְׁבִין' און די חָשׁוּבֶ'ע אידן וועלן זיצן, 'וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹשֵׁב עִם הַזְּקֵנִים כְּאָב בֵּית דִּין' אינאיינעם מיטן אייבערשטן, 'וְדָנִין לְאֻמּוֹת הָעוֹלָם' און מען וועט מִשְׁפָּט'ן די פעלקער.

ז

**יעצט** גייט דער רבי צאַמפלעכטן די גאַנצע תּוֹרָה און דאס אַריינלייגן אין די ווערטער פון דעם פָּסוּק. וְזֶה פֵּרוּשׁ און דאס איז פְּשַׁט אין פָּסוּק (תְּהִלִּים מ"ז, ד): 'יַדְבֵּר עַמִּים תַּחְתֵּינוּ' דער אייבערשטער וועט אונטערטעניגן די פעלקער אונטער אונז, 'וּלְאֻמִּים תַּחַת רַגְלֵינוּ' און די פעלקער וועלן זיין אונטער אונזערע פיס, אַזוי ווי זיי האָבן געטון מיט אונז, מיר זענען פאַרשעמט און דערנידערט אונטער די גוֹי'אישע פעלקער, אַזוי ווי די חִירִיק פינטל וואס איז אונטער די אוֹת, זֶה בְּחִינַת

"רַגְלֵינוּ", זֶה בְּחִינַת חִירִיק נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה שֶׁל אָלֶף, שֶׁהוּא בְּחִינַת: "וְתַחַת רַגְלָיו", בְּחִינַת: "וְהָאָרֶץ הֲדֹם רַגְלָי". "יִבְחַר לָנוּ אֶת נַחֲלָתֵנוּ", זֶה בְּחִינַת מֹשֶׁה, בְּחִינַת נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה שֶׁל הָאָלֶף, בְּחִינַת: "וּמִמַּעַל לָרָקִיעַ דְּמוּת כִּסֵּא", וְכִסְאוֹ כַּשֶּׁמֶשׁ. פְּנֵי מֹשֶׁה כִּפְנֵי חַמָּה, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (זְבָחִים

חִירִיק זַיי הָאבְּן אוּנְז גֶעמַאכְט ווי אַ חִירִיק, נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה שֶׁל אָלֶף וָואס אִיז דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳, ווי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר, שֶׁהוּא בְּחִינַת 'וְתַחַת רַגְלָיו' אַז דִי פָּסוּק אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי פִּינְטְל חִירִיק, בְּחִינַת 'וְהָאָרֶץ הֲדֹם רַגְלָי' דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דִי עֶרְד קוּגְל וָואס אִיז אוּנְטֶער דִי פִּיס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל, אוּן וִוי פְּרִיעֶר גֶעשְׁמוּעֶסְט (אִין אוֹת ה׳), אַז 'הֲדֹם' מֵיינְט אוֹיףְ שְׁוַוייגְן; וַוייל דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר שְׁוַוייגְן אוֹיף אוּנְזֶערֶע בִּזְיוֹנוֹת פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם – וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז זֵיי וֶועלְן וֶוערְן – מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה – בָּטֵל, אוּן זַיין אוּנְטֶערְטֶעניִגְט אוּנְטֶער דִי אִידְן, וִוי אַ חִירִיק.

**וֶוען** וֶועט דָאס זַיין? שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין פָּסוּק (שָׁם, ה): 'יִבְחַר לָנוּ אֶת נַחֲלָתֵנוּ' [עֶר וֶועט אוֹיסְוֶועלְן פַאר אוּנְז אוּנְזֶער נַחֲלָה], אוּן דֶער רֶבִּי וֶועט בַּאלְד עֶרְקְלֶערְן, אַז 'נַחֲלָה' הָאט נָאךְ אַ דֶערְהֶער, זֶה בְּחִינַת מֹשֶׁה דָאס מֵיינְט מֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וֶועט אַרַיינְשַׁיינֶען אִין אוּנְז דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מֵיינְט מֶען דֶער צַדִּיק וָואס טוּט וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעטוּן, זַיין גַאנְץ לֶעבְּן הָאט עֶר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט דִי אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בְּחִינַת נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה שֶׁל הָאָלֶף וָואס דָאס אִיז דִי מַדְרֵיגָה פוּן גִּלּוּי אֱלֹקִית בְּתַכְלִית הַשְּׁלֵמוּת, צוּ וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען אוּן אַרַיינְגֶעשַׁיינְט אִין דִי אִידְן, דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳, בְּחִינַת אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ה), דֶעם פָּסוּק 'וּמִמַּעַל לָרָקִיעַ דְּמוּת כִּסֵּא' וָואס 'כִּסֵּא' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי זוּן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: 'וְכִסְאוֹ כַּשֶּׁמֶשׁ' אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אוּן דִי זוּן אִיז מְרַמֵּז אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן: 'פְּנֵי מֹשֶׁה כִּפְנֵי חַמָּה' מֹשֶׁה רַבֵּינוּ׳ס פָּנִים הָאט גֶעשַׁיינְט אַזוֹי וִוי דִי זוּן, אוּן דֶעמָאלְט וֶוען מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ דִי לִיכְטִיגְקֵייט וָואס דֶער צַדִּיק – וָואס אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל – שַׁיינְט אַרַיין אִין אוּנְז, וָואס מִיר זֶענֶען דָא אוֹיף דִי וֶועלְט אַזוֹי וִוי דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל, אַזוֹי וִוי אַ חִירִיק, דֶעמָאלְט וֶועט וֶוערְן דֶער יִחוּד הַשָּׁלֵם, עֶס וֶועט וֶוערְן 'פְּנֵי הַלְּבָנָה כִּפְנֵי הַחַמָּה', אַלֶע אִידְן וֶועלְן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**יֶעצְט** בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַ רְאָיָ׳ אַז דִי וָוארְט 'נַחֲלָתֵינוּ' מֵיינְט מֶען דֶעם צַדִּיק – מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, כְּמַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (זְבָחִים קיט.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים יב, ט): 'כִּי לֹא בָאתֶם עַד עַתָּה', עֶנְק זֶענֶען נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען, 'אֶל הַמְּנוּחָה' צוּ דֶעם רִיאוּנְגְ׳ס פְּלַאץ, 'וְאֶל הַנַּחֲלָה' אוּן צוּ דֶעם אַרְבְּטֵייל,

קיט.): **'ר' שִׁמְעוֹן אוֹמֵר: נַחֲלָה זוֹ שִׁילֹה', 'שִׁילֹה דָּא מֹשֶׁה'** (זֹהַר בְּרֵאשִׁית כה: וּבְתִּקּוּן כא). **"אֶת גְּאוֹן יַעֲקֹב", זֶה בְּחִינַת וָא"ו שֶׁבְּתוֹךְ אָלֶף, בְּחִינַת אֹהֶל, בְּחִינַת אוֹר, שֶׁמֹּשֶׁה מֵאִיר לִיהוֹשֻׁעַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (בְּרֵאשִׁית כ"ה): **"וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים".**

**'ר' שִׁמְעוֹן אוֹמֵר'** רֶבִּי שִׁמְעוֹן זָאגְט: 'נַחֲלָה זוֹ שִׁילֹה' דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק 'נַחֲלָה' מֵיינְט מֶען צוּ זָאגְן 'שִׁילֹה', דִי פָּסוּק 'כִּי לֹא בָּאתֶם וְגוֹ' אֶל הַנַּחֲלָה', [אִיר זֶענְט נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי נַחֲלָה], דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי עֶרְשְׁטֶע פֶּערְצְן יָאר וָואס דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אֵיידֶער זֵיי הָאבְּן גֶעבּוֹיט דִי מִשְׁכָּן אִין שִׁילֹה, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט: **'שִׁילֹה דָּא מֹשֶׁה'** שִׁילֹה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס עֶר אִיז דִי זֶעלְבֶּע שׁוֹרֶשׁ וִוי 'מָשִׁיחַ', אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר זָאגְט (זוֹהַר בְּרֵאשִׁית כה ע"ב, כז ע"א): 'דָּא מֹשֶׁה מָשִׁיחַ', דָאס מֵיינְט מֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס עֶר אִיז מָשִׁיחַ; שִׁילֹה בַּאטְרֶעפְט דְרַיי הוּנְדֶערְט פִינְף אוּן פֶערְצִיג (345), אוּן מֹשֶׁה בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע (קוּק נָאךְ אוֹיבְּן אִין סִימָן ב, אוֹת ו) מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעטוּן נָאר אֵיין זַאךְ, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט טוּן נָאר דִי אֵיין זַאךְ: אַרַיינְשַׁיינֶען אִין יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן אִיד, עֶר זָאל וִויסְן אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִּירְט אַלֶעס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים', מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט אַ לוֹיטֶערְקֵייט, יֶעדֶער וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶעדֶער וֶועט דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (זֹהַר בְּרֵאשִׁית כה: וּבְתִּקּוּן כא).

**בִּיז** דָא הָאט דֶער רֶבִּי מַסְבִּיר גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי עֶס לִיגְט אִין דִי פָּסוּק (תְּהִלִּים מז) דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע נְקוּדָה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע נְקוּדָה - דִי צְוֵויי יוּדִין פוּן דִי אָלֶף, יֶעצְט גֵייט דֶער רֶבִּי וַוייזְן ווִי אַזוֹי עֶס אִיז מְרוּמָז אִין דֶעם פָּסוּק דִי מִיטְלְסְטֶע שְׁטְרִיךְ וָואס טֵיילְט אָפּ צְווִישְׁן דִי צְוֵויי יוּדִין.

**שְׁטֵייט** וַוייטֶער אִין פָּסוּק **'אֶת גְּאוֹן יַעֲקֹב'** דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יַעֲקֹב - **זֶה בְּחִינַת** דָאס אִיז מְרַמֵּז **וָא"ו שֶׁבְּתוֹךְ אָלֶף** אוֹיף דִי מִיטְלְסְטֶע שְׁטְרִיךְ פוּנֶעם אוֹת א'; יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז דִי מִדָּה פוּן תִּפְאֶרֶת, אוּן דִי אוֹת ו' וָואס אִיז אִינְמִיטְן פוּנֶעם א' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף תִּפְאֶרֶת. בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית כה, כז): 'וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים', יַעֲקֹב הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי זַאךְ פוּן זִיךְ צִיעֶן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פִּינְטְל פוּנֶעם אוֹת א', אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אַז דִי מִיטְלְסְטֶע שְׁטְרִיךְ פוּנֶעם א' אִיז **בְּחִינַת אֹהֶל** אַזוֹי וִוי אַ גֶעצֶעלְט, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: 'וַיִּמְתָּחֵם כָּאֹהֶל לָשָׁבֶת' [אוּן עֶר הָאט זֵיי פַארְשְׁפְּרֵייט וִוי אַ גֶעצֶעלְט צוּ זִיצְן אוּנְטֶער דֶעם], וָואס דִי אוֹהֶל אִיז אַ וֶועג וִוי אַזוֹי דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי רֶבִּי וָואס אִיז אַזוֹי וִוי אַ זוּן, **בְּחִינַת אוֹר** גֵייט אַרִיבֶּער צוּם תַּלְמִיד אוּן עֶס שַׁיינְט צוּם אוּנְטֶערְשְׁטְן פִּינְטְל, **שֶׁמֹּשֶׁה מֵאִיר לִיהוֹשֻׁעַ** דֶער צַדִּיק שַׁיינְט צוּם תַּלְמִיד, **כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כ"ה, כז): **'וְיַעֲקֹב אִישׁ תָּם יוֹשֵׁב אֹהָלִים'** יַעֲקֹב

אָבִינוּ אִיז גֶעזִיצְן אִין גֶעצֶעלְט אוּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז אַ רְאָיָ׳ אַז יַעֲקֹב הָאט דִי זַאךְ פוּן אוֹהֶל.

[וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז סֵיי ווָאוּ עֶס קוּמֶען זִיךְ צַאם אַ רֶבִּי מִיט אַ תַּלְמִיד, וֶוערְט אַ בְּחִינָה פוּן מֹשֶׁה אוּן יְהוֹשֻׁעַ אוּן אֹהֶל מוֹעֵד, דֶער צַדִּיק וָואס אִיז דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳ שַׁיינְט צוּם אוּנְטֶערְשְׁטְן פִּינְטְל פוּנֶעם א׳, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ ו׳ וָואס שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט, דִי אוֹת ו׳ אִיז אַזוֹי וִוי ׳שָׁמַיִם׳ וָואס אִיז ׳אֵשׁ וּמַיִם׳, פֵייעֶר אוּן וַואסֶער, אוֹיךְ וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט, מֶען גֵייט אַרִיבֶּער פֵייעֶר אוּן וַואסֶער, בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים, וֶוערְט מֶען אַזוֹי וִוי דִי מִיטְלְסְטֶע אוֹת ו׳, מֶען וֶוערְט וִוי דִי הִימְל מִיט אַלֶע קָאלִירְן, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל מְקַבֵּל זַיין פוּן דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל; מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אֱמֶת דַארְפְן לַיידְן פֵייעֶר אוּן וַואסֶער, בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים, אוּן אוֹיךְ נָאכְן וֶוערְן מְקוּרָב צוּם צַדִּיק גֵייט מֶען אַרִיבֶּער אַזוֹיפִיל שְׁפִיכוּת דָמִים, דָאס אִיז אַלֶעס נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן מִיט דֶעם קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, וֶוען מֶען זֶעט וִוי מֶען פַארְגִיסְט דִיר דַיין בְּלוּט, וַוייל דוּרְכְדֶעם קֶענְסְטוּ וֶוערְן אַ כְּלִי הַמַּחֲזִיק בְּרָכָה צוּ מְקַבֵּל זַיין פוּנֶעם צַדִּיק דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, אוּן וִוי מֶער

**וְזֶה בְּחִינַת** (סַנְהֶדְרִין כ:): **׳שְׁלשָׁה דְּבָרִים שֶׁנִּצְטַוּוּ יִשְׂרָאֵל, שֶׁיְּכַלּוּ זַרְעוֹ שֶׁל עֲמָלֵק׳, זֶה בְּחִינַת: "יַדְבֵּר עַמִּים תַּחְתֵּינוּ", ׳וּלְמַנּוֹת לָהֶם מֶלֶךְ׳, זֶה בְּחִינַת "גְּאוֹן יַעֲקֹב", בְּחִינַת** (בְּמִדְבַּר כ"ד): **"דָּרַךְ כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב",**

מֶען לַיידְט צוּלִיבּ דָאס הִתְקַרְבוּת - אַלְץ מֶער אִיז מֶען מְקַבֵּל פוּנֶעם צַדִּיק וָואס אִיז אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם אוֹת א׳].

**וְזֶה** אוּן דִי דְרַיי זַאכְן פוּן דִי אוֹת א׳ בְּחִינַת אִיז מְרוּמָז אִין וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כ:): ׳שְׁלשָׁה דְּבָרִים שֶׁנִּצְטַוּוּ יִשְׂרָאֵל׳ דְרַיי זַאכְן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאפוֹילְן דִי אִידְן וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז ׳שֶׁיְּכַלּוּ זַרְעוֹ שֶׁל עֲמָלֵק׳ זֵיי זָאלְן פַארְלֶענְדְן דִי קִינְדֶער פוּן עֲמָלֵק. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּנְחוּמָא כִּי תֵצֵא, ט), אַלֶע פֶעלְקֶער הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ טְשֶׁעפֶּען דִי אִידְן, בִּיז עֲמָלֵק אִיז גֶעקוּמֶען אוּן גֶעוִויזְן אַז מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, זֶה בְּחִינַת קוּמְט אוֹיס, וֶוען מֶען וֶועט פַארְשְׁנַיידְן עֲמָלֵק - וֶועלְן אַלֶע פֶעלְקֶער וֶוערְן צוּרִיק אוּנְטֶערְטֶענִיגְט אוּנְטֶער דִי אִידְן, עֶס וֶועט מְקוּיָּם וֶוערְן וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: ׳יַדְבֵּר עַמִּים תַּחְתֵּינוּ׳ אַלֶע פֶעלְקֶער וֶועלְן זַיין אוּנְטֶערְטֶענִיגְט אוּנְטֶער אוּנְז, (דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם אוֹת א׳).

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ אִיז, ׳וּלְמַנּוֹת לָהֶם מֶלֶךְ׳ זֵיי זָאלְן אוֹיפְנֶעמֶען אַ קֶענִיג, זֶה בְּחִינַת דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק ׳גְּאוֹן יַעֲקֹב׳ [דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יַעֲקֹב], אַ רְאָיָ׳ הָאסְטוּ אַז אַ קֶענִיג מֵיינְט מֶען יַעֲקֹב, בְּחִינַת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּמִדְבַּר כ"ד, יז): ׳דָּרַךְ כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב׳ עֶס וֶועט אוֹיפְקוּמֶען אַ

**בְּחִינַת מֶלֶךְ, 'וְלִבְנוֹת לָהֶם בֵּית הַבְּחִירָה', זֶה בְּחִינַת מֹשֶׁה, בְּחִינַת דַּעַת, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (בְּרָכוֹת לג.)**: 'מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה, כְּאִלּוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו', וְזֶה בְּחִינַת: "יִבְחַר לָנוּ אֶת נַחֲלָתֵנוּ".**

שְׁטֶערְן פוּן דִי אִידְן וָואס שְׁטַאמְט פוּן יַעֲקֹב, בְּחִינַת מֶלֶךְ דָאס מֵיינְט מֶען אַ קֶענִיג, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י זָאגְט 'מֶלֶךְ רוֹדֶה וּמוֹשֵׁל', אַ קֶענִיג וָואס גֶעוועֶלְטִיגְט, (דָאס וַוייזְט אוֹיף דִי מִיטְלְסְטֶע שְׁטְרִיךְ, וָואס אִיז אַזוֹי וִוי דָאס גֶעצֶעלְט פוּן יַעֲקֹב).

**אוּן** דִי דְרִיטֶע זַאךְ אִיז, 'וְלִבְנוֹת לָהֶם בֵּית הַבְּחִירָה' זֵיי זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, זֶה בְּחִינַת מֹשֶׁה דָאס אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, בְּחִינַת דַּעַת וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דַּעַת אִין אוּנְז; וִוי זֶעט מֶען אַז דַּעַת אִיז דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ? כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לג.): 'מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה' וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, 'כְּאִלּוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו' אִיז אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִין זַיינֶע טֶעג, וְזֶה בְּחִינַת דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט 'יִבְחַר לָנוּ אֶת נַחֲלָתֵנוּ' עֶר וֶועט אוּנְז אוֹיסֶעוועלְן אוּנְזֶער נַחֲלָה, אוּן וִוי דֶער רֶבִּי הָאט פְרִיעֶר עֶרְקְלֶערְט דִי מַאֲמַר חֲזַ"ל 'נַחֲלָה זוֹ שִׁילֹה' אַז נַחֲלָה אִיז מְרַמֵּז אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וָואס אִיז גִּימַטְרִיָּא שִׁילֹה. [וָואס דִי דְרִיטֶע זַאךְ אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע נְקוּדָּה, מֶען בּוֹיט דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דָאס מֵיינְט מֶען דִי הֵיילִיגֶע מוֹחִין].

**דִי** גְמָרָא טֵיילְט אֵיין דִי סֵדֶר פוּן דִי מִצְוֹת,
צוּם עֶרְשְׁט אוֹיפְצוּנֶעמֶען אַ קֶענִיג,
דֶערְנָאךְ אוֹיסְמֶעקְן דִי קִינְדֶער פוּן עֲמָלֵק,
אוּן נָאכְדֶעם בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**קוּמְט** אוֹיס, דִי עֶרְשְׁטֶע מִצְוָה אִיז אוֹיפְנֶעמֶען אַ קֶענִיג, דָאס אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי מִיטְלְסְטֶע שְׁטְרִיךְ פוּנֶעם א', דִי ו' וָואס אִיז דִי בּוּשָׁה. נָאכְדֶעם פַארְלֶענְדְט מֶען דִי קִינְדֶער פוּן עֲמָלֵק, אוּן נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען צוּ בּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וַוייל דֶער קֶענִיג אִיז אִינְמִיטְן פוּן דִי צְווֵיי פִּינְטְלֶעךְ, וַוייל דִי גַאנְצֶע אַרְבֶּעט פוּן אַ קֶענִיג אִיז – צוּ בְּרֶענְגֶען דִי אִידְן זָאלְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ שֶׁעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, לֶעבְּן מִיט אַ דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן אַ כָּבוֹד, אוּן וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן מִיט הַכְנָעָה פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שֶׁעמְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – דוּרְכְדֶעם וֶוערְט אוֹיסְגֶעריסְן דִי קַאלְטְקֵייט פוּן עֲמָלֵק, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין יֵאוּשׁ אִין דִי גֶעפַאלֶענֶע אִידְן, דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל, דִי וָואס דֶער וָואלְקְן הָאט אוֹיסְגֶעשְׁפִּיגְן צוּלִיב זֵייעֶרֶע עֲבֵירוֹת; קוּמְט אוֹיס, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען נֶעמְט אוֹיף אַ קֶענִיג וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ בּוּשָׁה אִין אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן זֶענֶען בַּיי אַ נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה, עֶר בְּרֶענְגְט זֵיי אַרוֹיף צוּ בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וָואס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע פְּלַאץ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען, צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פִּינְטְל, וֶוען עֶס שַׁיינְט אוּן לַייכְט שְׁטֶענְדִיג דִי זִיסֶע לוֹיטֶערֶע גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דִי שַׁיְיכוּת פוּן דִי דְרֵיי מִצְוֹת צוּ דִי צַאמְשְׁטֶעל פוּנֶעם אוֹת א'.

(מִסִּימָן ד' עַד כָּאן לְשׁוֹן רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה)

**וְזֶה פֵּרוּשׁ: "וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה: קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ" — מֹשֶׁה הוּא נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה וִיהוֹשֻׁעַ הוּא נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה. "וְהִתְיַצְּבוּ בָּאֹהֶל" — זֶה בְּחִינַת הָרָקִיעַ, בְּחִינַת הַוָּא"ו שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶף. "וַאֲצַוֶּנּוּ" — כִּי מֹשֶׁה הָיָה צָרִיךְ אָז לִמְסֹר הַכֹּל לִיהוֹשֻׁעַ, "וְאֵין שִׁלְטוֹן בְּיוֹם**

(מִסִּימָן ד' עַד כָּאן לְשׁוֹן רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה) בִּיז דָא אִיז דִי לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן, אוּן פוּן דָא אוּן וַוייטֶער הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיפְן בַּאפֶעל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**וְזֶה** פֵּרוּשׁ אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט (דְּבָרִים לא, יד): 'וַיֹּאמֶר ה' אֶל מֹשֶׁה' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַּאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ: 'קְרָא אֶת יְהוֹשֻׁעַ' רוּף יְהוֹשֻׁעַ צוּם אוֹהֶל מוֹעֵד, מֹשֶׁה הוּא נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם אוֹת א', מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי הֶעכְסְטֶע פַארְנֶעם, וִיהוֹשֻׁעַ אוּן דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ, הוּא נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם אוֹת א', אַ נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה, אוּן דֶער תַּלְמִיד ווִיל אוּן הָאפְּט צוּ קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן זַיין רֶבִּי. זָאגְט וַוייטֶער דֶער פָּסוּק, דָאס גֵייט נָאר אַז מֶען אִיז גְרֵייט צוּ לַיידְן בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, 'וְהִתְיַצְּבוּ בָּאֹהֶל' אוּן שְׁטֶעל יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן אִין גֶעצֶעלְט; זֶה בְּחִינַת הָרָקִיעַ דִי גֶעצֶעלְט אִיז דִי זֶעלְבֶּע ווִי דִי הִימְל, בְּחִינַת הַוָּא"ו שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶף דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן מִיטֶעלְסְטְן שְׁטְרִיךְ פוּנֶעם אוֹת א', דָאס אִיז דִי בִּזְיוֹנוֹת אוּן דִי שְׁוֶוערִיקַייטְן וָואס דֶער תַּלְמִיד, דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל – דַארְף אַרִיבֶּערְגֵיין אֵיידֶער עֶר קֶען נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פִּינְטְל, דֶער צַדִּיק, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ. אוּן אַז מֶען דֶערְהַאלְט זִיךְ, מֶען אִיז עוֹמֵד בְּנִסָּיוֹן – קוּמְט מֶען צוּ דִי מַדְרֵיגָה פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע פַארְנֶעם, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען מְקַבֵּל זַיין פוּן צַדִּיק, מֶען מוּז אַרִיבֶּערְגֵיין בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי יְהוֹשֻׁעַ (שְׁמוֹת לג, יא): 'נַעַר לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל', אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעלִיטְן בִּזְיוֹנוֹת, עֶר הָאט גֶעהַאט דִי זַאךְ פוּן 'אוֹהֶל' 'רָקִיעַ' 'שָׁמַיִם', וָואס אִיז צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן 'אֵשׁ וּמַיִם', מִיט דֶעם אַלֶעם – 'לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל' אִיז עֶר נִישְׁט אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן צַדִּיק אוּן פוּן ווֶעלְן זַיין אַ צַדִּיק, נָאר עֶר הָאט גֶעווַארְט מִיט סַבְלָנוּת.

**דִי** פָּסוּק שְׁטֵייט בַּיי דִי הִסְתַּלְקוּת פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶעמָאלְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעזָאגְט (דְּבָרִים לא, יד): 'וַאֲצַוֶּנּוּ' אוּן אִיךְ – אֵייבֶּערְשְׁטֶער – וֶועל אִים בַּאפֶעלְן, כִּי מֹשֶׁה הָיָה צָרִיךְ אָז לִמְסֹר הַכֹּל לִיהוֹשֻׁעַ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְגֶעבְּן אַלֶעס פַאר יְהוֹשֻׁעַ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (קֹהֶלֶת ח, ח): 'וְאֵין שִׁלְטוֹן' אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא קֵיין שׁוּם הֶערְשַׁאפְט וָואס זָאל אִים קֶענֶען

רַאטֶעוֶוען, 'בְּיוֹם הַמָּוֶת' אִינֶעם טָאג פוּן טוֹיט (קֹהֶלֶת ח), **כִּי בִּשְׁעַת הִסְתַּלְּקוּת הַצַּדִּיק** ווייל וֶוען דֶער צַדִּיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, **אֵין לוֹ שְׁלִיטָה וְכֹחַ לְהָאִיר לִיהוֹשֻׁעַ** הָאט דֶער צַדִּיק נִישְׁט דִי כֹּחַ אַרייַנְצוּשַׁייַנֶען אִינֶעם תַּלְמִיד, **עַל כֵּן** דַּיֵּיק דֶעריבֶּער דְרוּקְט דֶער פָּסוּק: **'וַאֲצַוֵּנוּ'** אוּן 'אִיךְ' וֶועל אִים בַּאפֶעלְן, **אֲנִי בְּעַצְמִי** 'אִיךְ' אַלֵיין וֶועל אִים אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעבְּן, **כִּי חָזְרָה הַמֶּמְשָׁלָה לְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא** ווייל דִי גַאנְצֶע מֶמְשָׁלָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**"הַמָּוֶת" (קֹהֶלֶת ח), כִּי בִּשְׁעַת הִסְתַּלְּקוּת הַצַּדִּיק אֵין לוֹ שְׁלִיטָה וְכֹחַ לְהָאִיר לִיהוֹשֻׁעַ, עַל כֵּן דַּיֵּיק וַאֲצַוֵּנוּ, אֲנִי בְּעַצְמִי, כִּי חָזְרָה הַמֶּמְשָׁלָה לְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא:**

[לִכְאוֹרָה דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, ווי קוּמְט דָא אַרייַן דִי זַאךְ פוּן הִסְתַּלְּקוּת הַצַּדִּיק? דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט אִין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה פוּן דִי זַאךְ וָואס פַּאסִירְט וֶוען אַ צַדִּיק גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט! נָאר מֶען קֶען זָאגְן, אַז דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט גְלַייךְ וֶוען רֶבִּי נָתָן אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן (קוּק נָאךְ אִין סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכה), אוּן עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דֶער אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶער תַּלְמִיד וָואס הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען בִּשְׁלֵמוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: 'קֵיינֶער ווייסְט נִישְׁט פוּן מִיר, נָאר מוֹהֲרְנַ"תְּ, אוּן עֶר הָאט דָאס ווייטֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר אַלֶע קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת. מוֹהֲרְנַ"תְּ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי ווי יְהוֹשֻׁעַ, דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א', וָואס הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אַזוֹי ווי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל, אוּן צוּלִיב דֶעם הָאט עֶר גֶעלִיטְן שְׁרֶעקְלִיכֶע בִּזְיוֹנוֹת, מֶען הָאט אִים גֶערוֹדְפְ'ט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי חִיזּוּק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים מְחַזֵּק גֶעוֶוען, אַזוֹי ווי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט מְחַזֵּק גֶעוֶוען יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים לא, ז): 'וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לִיהוֹשֻׁעַ וַיֹּאמֶר אֵלָיו לְעֵינֵי כָל יִשְׂרָאֵל חֲזַק וֶאֱמָץ וְגוֹ', אוּן אַזוֹי אִיז אוֹיךְ אִין אַלֶע דוֹרוֹת, דֶער וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אַרייַנְצוּשַׁייַנֶען דֶעם צַדִּיקְ'ס תּוֹרוֹת, דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פִּינְטְל פוּנֶעם א' - אִין דִי נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ גֶעפַאלְן וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי ווי דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל, דַארְף אוֹיף אִים אַרִיבֶּערְגֵיין בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים, מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים כָּל דָּבָר אָסוּר, אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלָאזְט אִים נִישְׁט, אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּלָאזְן אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס זֶענֶען מְחַיֶּ' אוּן מְחַזֵּק יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אוֹיךְ דֶער וָואס ווִיל מְקַבֵּל זַיין פוּנֶעם צַדִּיק אֱמֶת, פוּן דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א' - דַארְף אוֹיף אִים אַרִיבֶּערְגֵיין בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים, אוּן אַז מֶען אִיז אַן עַקְשָׁן, מֶען אִיז מְקַיֵּים דֶעם 'לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל' - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע לוֹיטֶערֶע אייַנְגֶענֶעמֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ כְּבוֹד אֱלֹקִים; שְׁטַארְק זִיךְ! שְׁטַארְק זִיךְ!]

**וּכְלָל** כָּל הָעִנְיָן כָּלוּל בִּתְמוּנַת אָלֶף, שֶׁהוּא נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה, וּנְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה וּוָא"ו. וְדוֹק מְאֹד.

**וְהוּא** עִנְיָן שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: שֶׁקֹּדֶם כְּנִיסַת יִשְׂרָאֵל לָאָרֶץ הֻזְהֲרוּ לְקַיֵּם שָׁלֹשׁ מִצְוֹת: 'לְהַכְרִית זַרְעוֹ שֶׁל עֲמָלֵק' 'וְלִבְנוֹת לָהֶם בֵּית הַבְּחִירָה' 'וּלְמַנּוֹת מֶלֶךְ'. 'לְהַכְרִית זַרְעוֹ שֶׁל עֲמָלֵק' הִיא בְּחִינַת יְהוֹשֻׁעַ, נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה.

**וּכְלָל** כָּל הָעִנְיָן און וויסן זָאלְסְטוּ אַז די גַאנְצֶע תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, אַלֶעס - כָּלוּל בִּתְמוּנַת אָלֶף לִיגְט אִינֶעם אוֹת א׳, שֶׁהוּא נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה וָואס דֶער א׳ הָאט אַן אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל, וּנְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה און אַן אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל, וּוָא"ו און אַזוֹי ווִי אַ ו׳ וָואס לוֹיפְט אִינְדֶערְמִיט, וְדוֹק מְאֹד און קְלֶער שְׁטַארְק אַרַיין ווִי אַזוֹי אִין אֵיין אוֹת - א - זָאל לִיגְן אַזוֹיפִיל סוֹדוֹת, סוֹדוֹת מַעֲשֵׂה מֶרְכָּבָה. [קוּק נָאךְ אִין סֵפֶר 'רָזָא מְהֵימְנָא' בְּסוֹד אוֹת א׳, יוּ"ד אִין אָנְהוֹיבּ, אַ יוּ"ד בַּיים עֶנְדֶע און אַ וָא"ו אִינְדֶערְמִיט, דָאס אִיז דִי סוֹד פוּן דָאס צַאמְלֵייגְן בֵּיידֶע שֵׁמוֹת "הֲוָיָ"ה אֲדֹנָ"י" און דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אִין דִי אַלְטֶע סִדּוּרִים צְוֵויי יוּדִי"ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען; דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹת פוּן שֵׁם הֲוָיָ"ה, דָאס אִיז דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל, און דִי צְוֵוייטֶע יוּ"ד אִיז דִי לֶעצְטֶע י׳ פוּן שֵׁם אֲדֹנָ"י, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳, און דִי זֶעקְס אוֹתִיּוֹת אִינְדֶערְמִיט [אהדונ"ה] דָאס אִיז דִי ו׳ פוּן דֶערְמִיט, עַיֵּין שָׁם].

**וְהוּא** דִי זַאךְ וָואס דִי אוֹת א׳ אִיז מְרַמֵּז - עִנְיָן שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דָאס אִיז וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן, שֶׁקֹּדֶם כְּנִיסַת יִשְׂרָאֵל לָאָרֶץ אַז אֵיידֶער דִי אִידְן זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הֻזְהֲרוּ זֶענֶען זֵיי בַּאפוֹילְן גֶעוָוארְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - לְקַיֵּם שָׁלֹשׁ מִצְוֹת צוּ טוּן דְרֵיי מִצְוֹת: 'לְהַכְרִית זַרְעוֹ שֶׁל עֲמָלֵק' צוּ פַארְשְׁנֵיידְן דִי קִינְדֶער פוּן עֲמָלֵק, 'וְלִבְנוֹת לָהֶם בֵּית הַבְּחִירָה' צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, 'וּלְמַנּוֹת מֶלֶךְ', און אוֹיפְצוּנֶעמֶען אַ קֶענִיג; ווַייל אִינֶעם אוֹת א׳ לִיגְט דִי סוֹד פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָאס אִיז דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל וָואס אִיז גִּלּוּי אֱלָקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, דִי לִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה, און אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ווַייזְט אוֹיף אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים יא, יב): 'תָּמִיד עֵינֵי ה׳ אֱלֹקֶיךָ בָּהּ וְגוֹ׳, און דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳ אִיז כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל, און עֲמָלֵק הַאלְט צוּרִיק אִיר קְדוּשָּׁה דוּרְךְ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען כְּפִירוֹת און אַפִּיקוֹרְסוּת, און דוּרְךְ (דְּבָרִים כה, יח): 'אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ' אָפְּקִילְן פוּן דִי אֱמוּנָה, דֶערְפַאר וֶוען מֶען נֶעמְט אוֹיף אַ קֶענִיג מוּז דָאס זַיין דַוְקָא (דְּבָרִים יז, טו): 'מִקֶּרֶב אַחֶיךָ' אַ אִיד, אַז עֶר זָאל זִיךְ שְׁלָאגְן מִיט עֲמָלֵק און אוּנְז מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי מִצְוָה פוּן 'לְהַכְרִית זַרְעוֹ שֶׁל עֲמָלֵק' פַארְשְׁנֵיידְן דִי קִינְדֶער פוּן עֲמָלֵק - **הִיא** בְּחִינַת יְהוֹשֻׁעַ דָאס ווֶערְט גֶעטוּן דוּרְךְ יְהוֹשֻׁעַ, נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה וָואס אִיז אַנְטְקֶעגְן

דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳, וַוייל משֶׁה רַבֵּינוּ - וָואס אִיז אַנְטְקֶעגְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פִּינְטְל פוּנֶעם אוֹת א׳ - זָאגְט פַאר יְהוֹשֻׁעַ וָואס אִיז דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם אוֹת א׳: ׳צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק׳ (שְׁמוֹת יז, ט), גֵיי הַאלְט מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק, כִּי עִקַּר מְחִיַּת עֲמָלֵק תָּלוּי בִּיהוֹשֻׁעַ, וַוייל דֶער עִיקָר מְחִיַּת עֲמָלֵק אִיז דוּרְךְ יְהוֹשֻׁעַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת י״ז, ט) משֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר יְהוֹשֻׁעַ; משֶׁה רַבֵּינוּ וָואס אִיז בַּיי דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגָה, דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳, זָאגְט פַאר יְהוֹשֻׁעַ וָואס אִיז בַּיי דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע מַדְרֵיגָה, דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳: ׳צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק׳ גֵיי מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט עֲמָלֵק, וְכַמְבֹאָר בַּזֹּהַר אוּן וִוי עֶס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין זוהר הַקָּדוֹשׁ הָעִנְיָן (בְּשַׁלַּח סה:) דִי זַאךְ; וָואס עֶפֶּעס הָאט דִי מִלְחָמָה מִיט עֲמָלֵק גֶעדַארְפְט זַיין דוּרְךְ יְהוֹשֻׁעַ, עֶס זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען נָאךְ אַסַאךְ צַדִּיקִים אִינֶעם דוֹר? נָאר וִויבַּאלְד יְהוֹשֻׁעַ אִיז גֶעוֶוען ׳נַעַר לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל׳ עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק גֶערוּקְט פוּן משֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן וֶוען דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל אִיז בַּאהָאפְטְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן פִּינְטְל, נָאר מִיט דֶעם כֹּחַ - קֶען מֶען מַכְנִיעַ זַיין קְלִפַּת

**כִּי עִקַּר מְחִיַּת עֲמָלֵק תָּלוּי בִּיהוֹשֻׁעַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שְׁמוֹת י״ז): "צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק", וְכַמְבֹאָר בַּזֹּהַר הָעִנְיָן (בְּשַׁלַּח סה:). ׳וְלִבְנוֹת בֵּית הַבְּחִירָה׳ הוּא בְּחִינַת משֶׁה, נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה, כִּי ׳מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵעָה, כְּאִלּוּ נִבְנֶה בֵּית־הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו׳, וּמשֶׁה הוּא בְּחִינַת הַדַּעַת. ׳וּלְמַנּוֹת מֶלֶךְ׳ הוּא בְּחִינַת רָקִיעַ, הַוָּא״ו שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶ״ף, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "דָּרַךְ כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב", שֶׁקָּאֵי עַל שֶׁיָּקוּם מֶלֶךְ מִיַּעֲקֹב, "וְדָרַךְ כּוֹכָב" הוּא בְּחִינַת רָקִיעַ, שֶׁיֵּשׁ**

עֲמָלֵק.

׳וְלִבְנוֹת בֵּית הַבְּחִירָה׳ דִי מִצְוָה פוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הוּא בְּחִינַת משֶׁה, דָאס אִיז נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה, נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה, כִּי ׳מִי שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה׳, וַוייל וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, ׳כְּאִלּוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו׳ אִיז אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גֶעבּוֹיט גֶעוָוארְן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִין זַיינֶע טֶעג, וּמשֶׁה הוּא בְּחִינַת הַדַּעַת משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אַרַיינְגֶעשַׁיינְט דַעַת אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, אוּן אַלֶעס אִיז נָאר עֶר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ה, לה): ׳אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי הַוַיָ״ה הוּא אֱלֹקִים וְגוֹ׳.

׳וּלְמַנּוֹת מֶלֶךְ׳ אוּן דִי דְרִיטֶע מִצְוָה פוּן אוֹיפְנֶעמֶען אַ קֶענִיג - הוּא בְּחִינַת רָקִיעַ, הַוָּא״ו שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶ״ף אִיז דִי ו׳ פוּן אִינְמִיטְן דֶעם אוֹת א׳ וָואס אִיז אַזוֹי וִוי אַ הִימְל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: ׳דָּרַךְ כּוֹכָב מִיַּעֲקֹב׳ [עֶס וֶועט אוֹיפְקוּמֶען אַ שְׁטֶערְן פוּן דִי אִידְן וָואס שְׁטַאמְט פוּן יַעֲקֹב], שֶׁקָּאֵי וָואס דִי פָּסוּק בַּאצִיט זִיךְ אוֹיף דָאס וָואס בִּלְעָם הָאט פָאראוֹיס גֶעזָאגְט אִין זַיין נְבוּאָה, עַל שֶׁיָּקוּם מֶלֶךְ מִיַּעֲקֹב אַז עֶס וֶועט אוֹיפְשְׁטֵיין אַ קֶענִיג (דָוִד) בַּיי דִי אִידְן וָואס שְׁטַאמְט פוּן יַעֲקֹב, וְ׳דָרַךְ כּוֹכָב׳ הוּא בְּחִינַת רָקִיעַ אוּן

פַארְשְׁטֵיי. (מִן וּכְלָל עַד כָּאן פוּן וּכְלָל בִּיז דָא - כָּפוּל לְעֵיל אִיז גֶעדָאפְּלְט אוּן שׁוֹין דֶערְמַאנְט פְרִיעֶר אִין דִי תּוֹרָה, בְּשִׁנּוּי לָשׁוֹן קְצָת עֶס אִיז נָאר אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג גֶעשְׁרִיבְּן):

דִי לָשׁוֹן פוּן פָּסוּק 'דָרַךְ כּוֹכָב' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אַ הִימְל, שֶׁיֵּשׁ בּוֹ כּוֹכָבִים וּמַזָּלוֹת וָואס אִין הִימְל זֶענֶען פַארְהַאן שְׁטֶערְנְס אוּן מַזָּלוֹת, וְהַיְנוּ 'מִיַּעֲקֹב' אוּן דָאס אִיז וָואס דִי פָּסוּק זָאגְט דָארְט דִי לָשׁוֹן 'מִיַּעֲקֹב', כִּי 'יַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים' וַוייל יַעֲקֹב אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי יְהוֹשֻׁעַ, גֶעזִיצְן אִין גֶעצֶעלְט אוּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בְּחִינַת רָקִיעַ וָואס דִי גֶעצֶעלְט אִיז אַזוֹי וִוי אַ הִימְל, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: 'וַיִּמְתָּחֵם כָּאֹהֶל', כַּמְבֹאָר בַּזֹּהַר, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (אַחֲרֵי סו:) שֶׁיַּעֲקֹב הוּא בְּחִינַת וָא"ו אַז דִי נָאמֶען יַעֲקֹב לֵיינְט מֶען מִיט אַ ו' נָאךְ דִי ק', אַזוֹי: יַעֲקוֹב; וַוייל יַעֲקֹב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן מִיט דִי אוֹת ו' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען.

**כִּי שָׁלֹשׁ מִצְוֹת אֵלּוּ** וַוייל דִי דְרֵיי מִצְוֹת, **הֵם בְּחִינַת תְּשׁוּבָה** אִיז כְּדֵי מִיר זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן, זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דִי מִצְוָה פוּן 'אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק' אִיז וֶועגְן תְּשׁוּבָה, עֲמָלֵק אִיז דֶער וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין כְּפִירוֹת אוּן קַאלְטְקֵייט אִין דִי אֱמוּנָה. דִי מִצְוָה פוּן 'אוֹיפְנֶעמֶען אַ קֶענִיג' אִיז אַז דֶער קֶענִיג זָאל אוּנְז צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דִי מִצְוָה פוּן 'אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ' אִיז אוֹיךְ צוּלִיב תְּשׁוּבָה, וָואס דָארְט הָאט מֶען מוֹחֵל גֶעוֶוען אַלֶע עֲבֵירוֹת, וְהָבֵן אוּן

**בּוֹ כּוֹכָבִים וּמַזָּלוֹת. וְהַיְנוּ "מִיַּעֲקֹב", כִּי "יַעֲקֹב אִישׁ תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים", בְּחִינַת רָקִיעַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וַיִּמְתָּחֵם כָּאֹהֶל", כַּמְבֹאָר בַּזֹּהַר, שֶׁיַּעֲקֹב הוּא בְּחִינַת וָא"ו. כִּי שָׁלֹשׁ מִצְווֹת אֵלּוּ הֵם בְּחִינַת תְּשׁוּבָה, וְהָבֵן.**

(מִן וּכְלָל עַד כָּאן כָּפוּל לְעֵיל בְּשִׁנּוּי לָשׁוֹן קְצָת):

**(שַׁיָּךְ** לְעֵיל), **וְזֶה סוֹד כַּוָּנוֹת אֱלוּל. שָׁמַעְתִּי קְצָת כְּטִפָּה מִן הַיָּם. עַיֵּן שָׁם בְּכַוָּנוֹת שֶׁל אֱלוּל, מְבֹאָר שָׁם, שֶׁכְּלָל**

(שַׁיָּךְ לְעֵיל) דִי שְׁטִיקְל אִיז אוֹיף דִי זַאךְ וָואס אִיז אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אַז מֶען דַארְף הָאבְּן צְוֵויי בְּקִיאוּת, בָּקִי בְּרָצֹא אוּן בָּקִי בְּשׁוֹב; וְזֶה סוֹד כַּוָּנוֹת אֱלוּל אִין דֶעם לִיגְט בַּאהַאלְטְן דִי כַּוָּנוֹת פוּן אֱלוּל. שָׁמַעְתִּי קְצָת כְּטִפָּה מִן הַיָּם אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט נָאר אַבִּיסְל, אַזוֹי וִוי אַ טְרָאפּ פוּן דִי גְרוֹיסֶע יַם. דָאס אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען מוֹצָאֵי שַׁבַּת שׁוּבָה, נָאךְ הַבְדָּלָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט זַיינֶע תַּלְמִידִים: וֶוער קֶען מִיר זָאגְן וואוּ אִיז מְרוּמָּז אִין דִי תּוֹרָה אַלֶע כַּוָּנוֹת פוּן אֱלוּל? אַלֶע זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁטִיל, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַלֵיין צוּ פַארְשְׁטֵיין וואוּ עֶס אִיז מְרוּמָּז אִין דִי תּוֹרָה דִי כַּוָּנוֹת פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים בְּרֶענְגֶען אַ סִידּוּר אַרִיזַ"ל, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶפְנְט דִי סִידּוּר אוּן זֵיי גֶעווִיזְן דִי כַּוָּנוֹת פוּן אֱלוּל, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַנְטְפְּלֶעקְן וואוּ עֶס אִיז מְרוּמָּז אַלֶע כַּוָּנוֹת אֱלוּל אִין דִי תּוֹרָה.

**עַיֵּין שָׁם** קוּק נָאךְ **בְּכַוָּנוֹת שֶׁל אֱלוּל** אִין דִי כַּוָּנוֹת אֱלוּל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער

**כַּוָּנוֹת אֱלוּל הוּא, "הַנּוֹתֵן בַּיָּם דָּרֶךְ", שֶׁצְּרִיכִין לְהָאִיר בְּחִינַת דֶּרֶךְ בַּיָּם וְכוּ', וְזֶה הַדֶּרֶךְ הוּא בְּחִינַת שְׁתֵּי פְּעָמִים הַשֵּׁם יב"ק, כִּי שְׁתֵּי פְּעָמִים יב"ק עוֹלֶה דֶּרֶךְ, וְזֶה נִמְשָׁךְ מִבְּחִינַת שְׁנֵי שֵׁמוֹת, שֶׁהֵם קס"א ס"ג, כִּי אֵלּוּ שְׁנֵי**

אַרִיזַ"ל הָאט מְגַלֶּה גְעוועֶן וָואס דִי כַּוָּנוֹת פוּן אֱלוּל אִיז, מְבֹאָר שָׁם וֶועסְטוּ זֶען ווִי דָארְט אִיז אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, שֶׁכְּלָל כַּוָּנוֹת **אֱלוּל הוּא** אַז דִי גַאנְצֶע כַּוָּנוֹת פוּן אֱלוּל אִיז פוּנֶעם פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מג, טז): **'כֹּה אָמַר ה'** אַזוֹי זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, **'הַנּוֹתֵן בַּיָּם דָּרֶךְ'** וָואס מַאכְט אַ וֶועג אִין יַם סוּף, **'וּבְמַיִם עַזִּים'** אוּן אִין דִי שְׁטַארְקֶע וַואסֶערְן פוּן דִי יַרְדֵּן - **'נְתִיבָה'** מַאכְט עֶר אַ וֶועג; זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל, אַז דֶער פָּסוּק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וָואס אַ גַאנְץ יָאר זֶענֶען מֶענְטְשְׁן פַארְדְרֵייט אִין נַארִישְׁקֵייטְן, מֶען אִיז פַארְנוּמֶען יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁוועֶרִיקֵייטְן, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער, מֶען דֶערְטְרִינְקְט זִיךְ אִין שְׁטוּרֶעמִישֶׁע וַואסֶערְן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, **שֶׁצְּרִיכִין לְהָאִיר בְּחִינַת דֶּרֶךְ בַּיָּם וְכוּ'** דֶעמָאלְט ווֶערְט **'הַנּוֹתֵן בַּיָּם דָּרֶךְ'**, מֶען לֵייגְט אַרֵיין אִין דֶעם שְׁטוּרֶעמִישְׁן יַם אַ דֶּרֶךְ, אַ וֶועג, מֶען וֶועקְט זִיךְ אוֹיף תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְזֶה הַדֶּרֶךְ** אוּן כְּדֵי צוּ הָאבְּן אַ רִיכְטִיגֶע וֶועג, אִיז דָאס נָאר אַז מֶען וֵוייסְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וֶוען עֶס אִיז גְרִינְג אוּן סַיי וֶוען עֶס אִיז שְׁוועֶר, מֶען אִיז בָּקִי בְּ'רָצוֹא', אוּן בָּקִי בְּ'שׁוֹב', **הוּא בְּחִינַת** אוּן דִי צְוֵויי בְּקִיאוּת, בָּקִי בְּ'רָצוֹא' אוּן בָּקִי בְּ'שׁוֹב' - **שְׁתֵּי פְּעָמִים הַשֵּׁם יַבֹּ"ק** אִיז צְוֵויי מָאל דִי הֵיילִיגֶע שֵׁם פוּן יַבֹּ"ק, (דִי שֵׁם יַבֹּ"ק אִיז בְּגִימַטְרִיָּא הוּנְדֶערְט צְוֶועלְף (112) - אַזוֹי ווִי דִי צְוֵויי שֵׁמוֹת הַוָיָ"ה אֱלֹקִי"ם), וָואס דִי שֵׁם יַבֹּ"ק אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת פוּנֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים כ, ב): **יַ'עַנְךָ יְ' בְּ'יוֹם צָ'רָה**, אוֹיךְ פוּן דִי פָּסוּק (שָׁם, י): **יַ'עֲנֵנוּ בְ'יוֹם קָ'רְאֵנוּ**, אוּן יַבֹּ"ק אִיז דִי אוֹתִיּוֹת בָּקִ"י, **כִּי שְׁתֵּי פְּעָמִים יַבֹּ"ק** וַוייל צְוֵויי מָאל דִי שֵׁם יַבֹּ"ק - **עוֹלֶה דֶּרֶךְ** בַּאטְרֶעפְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט פִיר אוּן צְוָואנְצִיג (224) אַזוֹי וְוִי דִי וָוארְט דֶּרֶ"ךְ, **וְזֶה נִמְשָׁךְ** וָואס דָאס קוּמְט - **מִבְּחִינַת שְׁנֵי שֵׁמוֹת** פוּן דִי צְוֵויי הֵיילִיגֶע נֶעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **שֶׁהֵם** וָואס זֵיי זֶענֶען - **קס"א** הוּנְדֶערְט אֵיין אוּן זֶעכְצִיג (161), אוּן **ס"ג** דִי הֵיילִיגֶע נָאמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס בַּאטְרֶעפְט דְרֵיי אוּן זֶעכְצִיג (63); אַז מֶען שְׁרַייבְּט דֶעם שֵׁם הַוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא, מִיט דִי מִלּוּי אַזוֹי: יוּ"ד הֵ"י וָא"ו הֵ"י בַּאטְרֶעפְט דָאס ס"ג - דְרֵיי אוּן זֶעכְצִיג (63), אוּן אוֹיךְ אִיר קְרוֹין, דִי הֵיילִיגֶע שֵׁם אֶ-קְ-יֶ-ק אַז מֶען שְׁרַייבְּט עֶס מִיט דִי מִלּוּי אַזוֹי: אַלֶ"ף הֵ"י יוּ"ד הֵ"י אִיז דָאס קס"א הוּנְדֶערְט אֵיין אוּן זֶעכְצִיג (161), אִין דִי צְוֵויי שֵׁמוֹת לִיגְט בַּאהַאלְטְן דִי וָוארְט 'אֱלוּל', וַוייל דִי עֶרְשְׁטֶע צְוֵויי אוֹתִיּוֹת פוּן 'אֱלוּל' א'ל' אִיז דִי שֵׁם פוּן ס"ג, וַוייל אַז מֶען רֶעכְנְט צַאם דִי דְרֵיי י' י' י' פוּן שֵׁם ס"ג מִיט דִי אַלֶף קוּמְט עֶס אוֹיס דִי אוֹתִיּוֹת א'ל', אֵיין אוּן דְרַייסִיג (31), אוּן דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי אוֹתִיּוֹת פוּן 'אֱלוּל' ו'ל' אִיז אַנְטְקֶעגְן דִי שֵׁם אס"ק, וַוייל אַז מֶען נֶעמְט דִי דְרֵיי י' י' י' פוּן שֵׁם

**שֵׁמוֹת — קס"א ס"ג, הֵם עוֹלִים בְּגִימַטְרִיָּא שְׁתֵּי פְּעָמִים יב"ק, שֶׁהוּא בְּגִימַטְרִיָּא דֶּרֶךְ, כַּנַּ"ל. וְצָרִיךְ לְכַוֵּן שֵׁם קס"א בְּסֶגּוֹל, וְשֵׁם ס"ג בְּחִירִיק. וְסֶגּוֹל דקס"א וְחִירִיק דס"ג הֵם עוֹלִים תָּ"ו, כִּי שֵׁם קס"א הוּא שֵׁם אקי"ק בְּמִלּוּאוֹ כָּזֶה: אָלֶף קֵי יוּד קֵי, שֶׁהֵם יוּד אוֹתִיּוֹת, וְכָל אַחַת נְקֻדָּה בְּסֶגּוֹל, וְסֶגּוֹל הוּא שָׁלֹשׁ נְקֻדּוֹת, וְעַל כֵּן הוּא עוֹלֶה שְׁלֹשִׁים, וְעַל כֵּן יוּד פְּעָמִים סֶגּוֹל עוֹלֶה שִׁי"ן. וְס"ג הֵם יוּד אוֹתִיּוֹת שֶׁל מִלּוּי הֲוָיָ"ה, יוּד קֵי וָאו קֵי, וְכָל אַחַת נְקֻדָּה**

אס"ק מיט די אַלֶף, איז דאס ו'ל', זעקס און דרייסיג (36), ווייל ווען מען שרייבט די אות ו' אַזוי: וָא"ו - ליגט דארט באהאלטן אַן אַלֶף וואס מען הערט נישט ביים זאגן די ווארט וָא"ו, מען הערט נאר די אות ו', דעריבער טוישט מען אויף די אות א' פאר אַן אות ו', ממילא קומט דערפון ארויס די אותיות ו'ל' (עיין שער רוח הקודש), די ביידע שמות ליגט אינעם ווארט 'אֱלוּל', **כִּי אֵלּוּ שְׁנֵי שֵׁמוֹת קס"א ס"ג** ווייל די צוויי שמות פונעם אייבערשטן ס"ג און אס"ק, וואס שיינט אין חודש אלול - **הֵם עוֹלִים בְּגִימַטְרִיָּא** באטרעפט, **שְׁתֵּי פְּעָמִים** צוויי מאל די שם פון **יב"ק**, יב"ק, הונדערט צוועלף (112), **שֶׁהוּא בְּגִימַטְרִיָּא** וואס באטרעפט אזוי ווי די ווארט **דֶּרֶךְ**, דר"ך, ווייל אז מען האט די צוויי בקיאות, פון איין זייט שטענדיג שטרעבן צו ווערן נענטער צום אייבערשטן, און אויך אויב מען האט א נפילה זאל מען נישט אויפגעבן - דאס איז א וועג אין די שטורעמישע וועלט וואס איז אזוי ווי א שטורעמישע וואסער, **כַּנַּ"ל** אזוי ווי פריער אויסגעשמועסט.

**וְצָרִיךְ לְכַוֵּן שֵׁם קס"א בְּסֶגּוֹל** און מען דארף אינזין האבן די שם קס"א מיט די נקודות סגול אזוי: יֶ"ד הֶ"ֶ וֶא"ֶו הֶ"ֶ, **וְשֵׁם ס"ג** און די שם ס"ג זאל מען אינזין האבן, **בְּחִירִיק** מיט די נקודות חיריק אזוי: אלִ"ף הִ"י יוִ"ד הִ"י, **וְסֶגּוֹל דקס"א וְחִירִיק דס"ג** און אז מען וועט צאמרעכענען די פינטעלעך פון די צוויי שמות - **הֵם עוֹלִים תָּ"ו** איז די חשבון פיר הונדערט (400), **כִּי שֵׁם קס"א** ווייל די שם קס"א, **הוּא שֵׁם אֶקְיֶ"ק בְּמִלּוּאוֹ כָּזֶה** איז די שם א-ק-י-ק ווען מען שרייבט עס ארויס אזוי: **אָלֶף קֵי יוּד קֵי, שֶׁהֵם יוּד אוֹתִיּוֹת** דאס איז צען אותיות, **וְכָל אַחַת נְקֻדָּה בְּסֶגּוֹל** און יעדע אות מיט די נקוד פון סגול, **וְסֶגּוֹל הוּא שָׁלֹשׁ נְקֻדּוֹת** און א סגול איז דריי פינטלעך, און יעדע פינטל רעכנט מען פאר צען (10), ווייל א פינטל איז אזוי ווי די אות י', וואס מען רעכנט פאר צען (10), **וְעַל כֵּן הוּא עוֹלֶה שְׁלֹשִׁים** איז די חשבון דרייסיג (30), צען מאל דריי, **וְעַל כֵּן יוּד פְּעָמִים סֶגּוֹל** יעצט רעכן צאם צען (10) מאל דרייסיג (30) **עוֹלֶה שִׁי"ן** קומט עס אויס דריי הונדערט (300). **וְס"ג** אין די שם ס"ג, **הֵם יוּד אוֹתִיּוֹת** איז צען אותיות, **שֶׁל מִלּוּי הֲוָיָ"ה** ווען מען שרייבט די שם הוי"ה ארויסגעשריבן יעדע אות, אזוי: **יוּד קֵי וָאו קֵי, וְכָל אַחַת נְקֻדָּה בְּחִירִיק** און אז יעדע אות האט א חיריק, די חיריק איז אזוי ווי א קליינע י', די צאל פון צען, יעצט רעכן

**בְּחִירִיק, עוֹלֶה ק', וּשְׁנֵיהֶם — חִירִיק דְּס"ג וְסֶגּוֹל דְּקס"א עוֹלִים יַחַד תָּיו, בְּגִימַטְרִיָּא פְּשׁוּטָה, וְאָז עַל-יְדֵי כָּל בְּחִינוֹת הַנַּ"ל, הַיָּמִין פְּשׁוּטָה לְקַבֵּל תְּשׁוּבָתוֹ, כִּי יָמִין בְּמִלּוּאוֹ עוֹלֶה דֶּרֶךְ עִם הַשָּׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת, שֶׁהוּא שְׁתֵּי פְּעָמִים יב"ק וְכוּ', עַיֵּן שָׁם. כָּל זֶה מְבֹאָר מִתּוֹךְ כַּוָּנַת אֱלוּל.**

**וְעַתָּה בּוֹא וּרְאֵה וְהָבֵן אֵיךְ כָּל הַכַּוָּנוֹת הַנַּ"ל מְרֻמָּזִים וְנֶעֱלָמִים בְּדֶרֶךְ נִפְלָא וְנוֹרָא מְאֹד בְּתוֹךְ הַתּוֹרָה הַנַּ"ל, כִּי מְבֹאָר שָׁם, שֶׁמִּי שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ שְׁנֵי בְּקִיאוּת, הַיְנוּ בָּקִי**

צאם צען (10) מאָל צען (10) עוֹלֶה ק' איז דאָס הונדערט (100), וּשְׁנֵיהֶם און אינאיינעם די צוויי שֵׁמוֹת חִירִיק דְּס"ג די שֵׁם ס"ג מיט די נְקוּד חִירִיק, וְסֶגּוֹל דְּקס"א און די שֵׁם קס"א מיט די נְקוּד סֶגּוֹל, עוֹלִים יַחַד תָּיו באטרעפט דאָס אינאיינעם פיר הונדערט (400), בְּגִימַטְרִיָּא פְּשׁוּטָה אַזוֹי ווי די וואָרט 'פְּשׁוּטָה' וואָס באטרעפט פיר הונדערט (400), וְאָז עַל יְדֵי כָּל בְּחִינוֹת הַנַּ"ל און דעמאָלט ווען מען האט פאר זיך די ביידע שֵׁמוֹת, הַיָּמִין פְּשׁוּטָה איז די רעכטע האנט כִּבְיָכוֹל פונעם אֵ י בֶּ ע רְ שְׂ טְ ן אויסגעשטרעקט, לְקַבֵּל תְּשׁוּבָתוֹ אָנצונעמען זיין תְּשׁוּבָה, כִּי יָמִין ווייל די וואָרט 'יָמִין', בְּמִלּוּאוֹ ארויסגעשריבן יו"ד מ"ם יו"ד נו"ן - עוֹלֶה באטרעפט צוויי הונדערט זעקס און צוואנציג (226), און מיטן כּוֹלֵל - צוויי הונדערט זיבן און צוואנציג (227), דֶּרֶךְ אַזוֹי ווי די וואָרט 'דֶּרֶךְ' (224), עִם הַשָּׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת אינאיינעם מיט די דריי אוֹתִיּוֹת ד' ר' ך', וואָס קומט אויס צוויי הונדערט זיבן און צוואנציג (227), שֶׁהוּא וואָס די וואָרט 'דֶּרֶךְ' איז שְׁתֵּי פְּעָמִים יַבּ"ק וְכוּ' אַזוֹי ווי צוויי מאָל די שֵׁם יַבּ"ק, עַיֵּן שָׁם כָּל זֶה קוק נאָך דאָס אלעס אין די כִּתְבֵי הָאֲרִיזַ"ל מְבֹאָר אויסגעשמועסט, מִתּוֹךְ כַּוָּנַת אֱלוּל אין די כַּוָּנוֹת פון אֱלוּל.

**וְעַתָּה** און יעצט, בּוֹא וּרְאֵה קום און זע, וְהָבֵן און פארשטיי, אֵיךְ כָּל הַכַּוָּנוֹת הַנַּ"ל ווי אלע כַּוָּנוֹת וואָס איז פריער געווארן אויסגעשמועסט פון הייליגן אריז"ל, מְרֻמָּזִים איז מְרוּמָּז, וְנֶעֱלָמִים און באהאלטן, בְּדֶרֶךְ נִפְלָא וְנוֹרָא מְאֹד מיט א וואונדערליכע און פארכטיגע וועג, בְּתוֹךְ הַתּוֹרָה הַנַּ"ל אין די גאנצע תּוֹרָה פון פריער, [ווייל די כַּוָּנָה פון הייליגן רבי'ן מיט די הייליגע תּוֹרוֹת איז אונז צו ווייזן ווי מיר קענען ניצן אלע כַּוָּנוֹת פון הייליגן אריז"ל אויף לְמַעֲשֶׂה, וואָס בֶּאֱמֶת איז דאָס געווען די כַּוָּנָה פונעם הייליגן אריז"ל, מיר זאלן ווערן צוגעקלעבט צום אייבערשטן, און דורך לערנען די תּוֹרוֹת פון הייליגן רבי'ן קען מען זיך שניידן און אויסשטעלן א וועג אין קַבָּלָה, צו פארשטיין די גאנצע תּוֹרַת הַקַּבָּלָה).

כִּי מְבֹאָר שָׁם ווייל עס איז אויסגעשמועסט געווארן אין די גאנצע תּוֹרָה, שֶׁמִּי שֶׁרוֹצֶה לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה אַז דער וואָס וויל תְּשׁוּבָה טון, צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ שְׁנֵי בְּקִיאוּת דארף זיך גוט אויסקענען אין צוויי וועגן,

**בְּרָצוֹא בָּקִי בְּשׁוּב, שֶׁהוּא בְּחִינַת עַיִל וְנָפִיק, בְּחִינַת: "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה", שֶׁהוּא בְּחִינַת בָּקִי בְּרָצוֹא, "וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ", שֶׁהוּא בְּחִינַת בָּקִי בְּשׁוּב וְכוּ', כַּמְבֹאָר לְעֵיל, עַיֵּן שָׁם.**

**וְהַפֵּרוּשׁ הַפָּשׁוּט הוּא, שֶׁמִּי שֶׁרוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה, צָרִיךְ לַחֲגֹר מָתְנָיו, שֶׁיִּתְחַזֵּק עַצְמוֹ בְּדַרְכֵי**

נִישְׁט זיִךְ אוֹיסְצוּגְלִיטְשְׁן; הַיְנוּ אֵיין וֶועג אִיז, **בָּקִי בְּרָצוֹא** מֶען דַארְף זיִךְ אוֹיסְקֶענֶען ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט, אַז אֲפִילוּ מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ בְּרֶען און הִתְלַהֲבוּת, זָאל מֶען זיִךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז מֶען קֶען שׁוֹין בְּלַייבְּן שְׁטֵיין און מֶען דַארְף נִישְׁט ווַייטֶער גֵיין, נָאר מֶען זָאל ווַייטֶער גֵיין מֶער און מֶער. און אוֹיךְ דַארְף מֶען זַיין **בָּקִי בְּשׁוּב** דָאס הֵייסְט אוֹיבּ מֶען אִיז חַס וְשָׁלוֹם נ א כ אַ מָ א ל אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִינְמִיטְן תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין טוּן שְׁלֶעכְטְס – טָאר מֶען זיִךְ נִישְׁט פַארְלִירְן און טְרַאכְטְן אַז מֶען אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן, נָאר מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יוֹמָא נו:) אוֹיפְן פָּסוּק (וַיִּקְרָא טז, טז): 'הַשֹּׁכֵן אִתָּם בְּתוֹךְ טֻמְאֹתָם', אַז אֲפִילוּ ווֶען מֶען אִיז טָמֵא – 'שְׁכִינָה עִמָּהֶם' אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט אִים, און מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נָאכַאלְץ רַחְמָנוּת אוֹיף אִים, און עֶר זָאל זיִךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה טוּן און נָאכְאַמָאל זיִךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און נָאר דֶער וָואס אִיז בָּקִי אִין דִי צְווֵיי וֶועגְן, צוּ 'גֵיין' און צוּ 'קוּמֶען' – דֶער קֶען תְּשׁוּבָה טוּן, **שֶׁהוּא בְּחִינַת** עַיִל וְנָפִיק אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט, וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס קֶען גֵיין און קוּמֶען, **בְּחִינַת** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט: **'אִם אֶסַּק שָׁמַיִם'** אַז אִיךְ גֵיי אַרוֹיף אִין הִימְל – **'שָׁם אָתָּה'** דָארְט בִּיסְטוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ זֶע דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'שָׁם' נָאךְ ווַייטֶער פוּן מִיר, אִיךְ ווִיל גֵיין הֶעכֶער, **שֶׁהוּא בְּחִינַת** דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן **בָּקִי בְּרָצוֹא** ווֶעלְן גֵיין נָאךְ הֶעכֶער, און אוֹיךְ ווֶען אִיךְ פַאל חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפּ, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט **'וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל'** און ווֶען אִיךְ פַאל אַרָאפּ און לִיג אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית – **'הִנֶּךָּ'** בִּיסְטוּ דָא, און עֶר כַאפְּט אָן אַ לָשׁוֹן פוּן וְאַצִּיעָה, אַ לָשׁוֹן פוּן אַ בֶּעט, אֲפִילוּ מֶען הָאט זיִךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעבֶּעט אַ בֶּעט, מֶען לִיגְט שׁוֹין בַּאקְוֶועם אִין דִי טִיפֶע אָפְּגְרִינְד, ווַייס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, **שֶׁהוּא בְּחִינַת** דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן **בָּקִי בְּשׁוּב וְכוּ'**, זיִךְ דֶערְהַאלְטְן און גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען נָאךְ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **כַּמְבֹאָר לְעֵיל** אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ד), **עַיֵּן שָׁם** קוּק עֶס נָאךְ.

**וְהַפֵּרוּשׁ הַפָּשׁוּט הוּא** און אוֹיף צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי פָּשׁוּט'עֶ וֶועג, אִיז, **שֶׁמִּי שֶׁרוֹצֶה לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה** אַז ווֶער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן – **צָרִיךְ לַחֲגֹר מָתְנָיו** דַארְף זיִךְ אָנְגַארְטְלֶען זַיינֶע לֶענְדְן, **שֶׁיִּתְחַזֵּק עַצְמוֹ בְּדַרְכֵי ה'** תָּמִיד עֶר דַארְף

**ה' תָּמִיד, בֵּין בַּעֲלִיָּה בֵּין בִּירִידָה, שֶׁהֵם בְּחִינַת: "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל" וְכוּ', הַיְנוּ בֵּין שֶׁיִּזְכֶּה לְאֵיזוֹ עֲלִיָּה, לְאֵיזוֹ מַדְרֵגָה גְּדוֹלָה, אַף-עַל-פִּי-כֵן אַל יַעֲמֹד שָׁם, וְלֹא יִסְתַּפֵּק עַצְמוֹ בָּזֶה, רַק צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה בָּקִי בָּזֶה מְאֹד, לֵידַע וּלְהַאֲמִין שֶׁהוּא צָרִיךְ לָלֶכֶת יוֹתֵר וְיוֹתֵר וְכוּ', שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת בָּקִי בְּרָצוֹא, בִּבְחִינַת עַיִל, שֶׁהוּא בְּחִינַת: "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה". וְכֵן לְהֵפֶךְ, שֶׁאֲפִלּוּ אִם יִפֹּל, חַס וְשָׁלוֹם, לְמָקוֹם שֶׁיִּפֹּל אֲפִלּוּ בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, גַּם כֵּן אַל יִתְיָאֵשׁ עַצְמוֹ לְעוֹלָם, וְתָמִיד יְחַפֵּשׂ וִיבַקֵּשׁ אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וִיחַזֵּק עַצְמוֹ בְּכָל מָקוֹם שֶׁהוּא, בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכַל, כִּי גַּם בִּשְׁאוֹל**

זיך זייער שטאַרקן צו בלייבן דינען דעם אייבערשטן שטענדיג, בֵּין בַּעֲלִיָּה סיי ווען ער איז אויפן וועג אַרויף, ווען ער שפירט דעם אייבערשטן, בֵּין בִּירִידָה סיי ווען ער איז אויפן וועג אַראָפּ, שֶׁהֵם בְּחִינַת אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק: 'אִם אֶסַּק שָׁמַיִם' אויב איך גיי אַרויף אין הימל וגו', 'וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל' און אויב איך ליג חַס וְשָׁלוֹם אין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, וְכוּ', הַיְנוּ בֵּין שֶׁיִּזְכֶּה לְאֵיזוֹ עֲלִיָּה סיי אויב מען איז זוכה צו קומען לְאֵיזוֹ מַדְרֵיגָה גְּדוֹלָה צו אַ גרויסע מדריגה, אַף עַל פִּי כֵן מיט דעם אַלעם, אַל יַעֲמֹד שָׁם זאָל ער נישט שטיין בלייבן דאָרט, וְלֹא יִסְתַּפֵּק עַצְמוֹ בָּזֶה ער זאָל זיך נישט באַגנוגן און זיין צופרידן מיט דעם, רַק צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה בָּקִי בָּזֶה מְאֹד נאָר ער זאָל זיך אויסקענען מיט דעם גאָר גוט, לֵידַע צו וויסן, וּלְהַאֲמִין און צו גלייבן שֶׁהוּא צָרִיךְ לָלֶכֶת יוֹתֵר וְיוֹתֵר וְכוּ' אַז ער דאַרף נאָכאַלץ גיין זוכן מער און מער דעם אייבערשטן. שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת וואָס דאָס ווערט אָנגערופן, בָּקִי בְּרָצוֹא זיך אויסקענען 'בְּרָצוֹא' מיט די וועג פון וועלן אַלץ גיין העכער, אַלץ מער ווערן נענטער צום אייבערשטן, בִּבְחִינַת דאָס ווערט אָנגערופן אין זוהר, 'עַיִל' אַריינגיין, מען שפירט שטענדיג ווי מען איז נאָכנישט אַריינגעקומען צו די קדושה, מען איז אַלץ ביים טיר און מען וואַרט און מען וויל אַריינגיין צו די קְדוּשָּׁה, שֶׁהוּא בְּחִינַת דאָס איז וואָס דָּוִד הַמֶּלֶךְ זאָגט: 'אִם אֶסַּק שָׁמַיִם' אויב איך בין אָנגעקומען אין הימל, 'שָׁם אָתָּה' ביסטו דאָרט, איך זע דעם אייבערשטן ווי ער איז 'שָׁם', נאָך ווייט אַוועק, איך האָב נאָך אַ לאַנגע וועג צו גיין, וְכֵן לְהֵפֶךְ און אַזוי אויך פאַרקערט, שֶׁאֲפִלּוּ אִם יִפֹּל אויך ווען איך פאַל, חַס וְשָׁלוֹם דער אייבערשטער זאָל מיך אָפּהיטן, לְמָקוֹם שֶׁיִּפֹּל וואו איך זאָל נאָר פאַלן, אֲפִלּוּ בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת אֲפִילוּ אין די טיפע אָפּגרינד פון עֲבֵירוֹת - גַּם כֵּן אַל יִתְיָאֵשׁ עַצְמוֹ לְעוֹלָם טאָר מען נישט אויפגעבן, וְתָמִיד נאָר שטענדיג, יְחַפֵּשׂ וִיבַקֵּשׁ אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זוכן דעם אייבערשטן, וִיחַזֵּק עַצְמוֹ בְּכָל מָקוֹם שֶׁהוּא און זיך שטאַרקן אין יעדע פּלאַץ וואו מען איז נאָר, בְּכָל מַה שֶּׁיּוּכַל מיט וואָס מען קען זיך נאָר מְחַזֵּק זיין, כִּי

תַּחְתִּיּוֹת נִמְצָא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְגַם שָׁם יְכוֹלִין לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, וְזֶה בְּחִינַת: "וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ". וְזֶה בְּחִינַת בָּקִי בְּשׁוּב, כִּי אִי אֶפְשָׁר לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה, כִּי אִם כְּשֶׁבָּקִי בִּשְׁנֵי הַבְּקִיאוּת הָאֵלּוּ.

**וְדִקְדֵּק** רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וְקָרָא עִנְיָן זֶה בִּלְשׁוֹן בָּקִי, כִּי הִיא בְּקִיאוּת גְּדוֹלָה מְאֹד מְאֹד, שֶׁיִּזְכֶּה לֵידַע לְיַגֵּעַ עַצְמוֹ וְלִטְרֹחַ בַּעֲבוֹדַת ה' תָּמִיד, וּלְצַפּוֹת בְּכָל עֵת לְהַגִּיעַ לְמַדְרֵגָה גְּבוֹהָה יוֹתֵר, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן אַל יִפֹּל מִשּׁוּם דָּבָר,

גַם בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת ווייל אויך אין די טִיפֶע אָפְּגְרִינְד נִמְצָא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דָארְט איז אויך דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וְגַם שָׁם און אויך דָארְט – יְכוֹלִין לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ קֶען מֶען זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ בֶּענְקֶען צוּ אִים און שְׁרַייעֶן צוּ אִים: 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחֲמָנוּת אויף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין בְּלָאטֶע', וְזֶה בְּחִינַת און דָאס איז וָואס שְׁטֵייט ווַייטֶער אין פָּסוּק: 'וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל' און אַז אִיךְ לִיג אין די טִיפֶע אָפְּגְרִינְד, אִיךְ בִּין אַזוֹי נִידְרִיג, אַזוֹי גֶעפַאלְן אין עֲבֵירוֹת, אִיךְ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעבֶּעט אַ בֶּעט אין די עֶרְגְסְטֶע פְּלֶעצֶער – 'הִנֶּךָּ' בִּיסְטוּ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אויך דָא מִיט מִיר, און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ נָאכְאַלְץ לִיבּ, אַזוֹי וִוי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ז, ט): 'חֲבִיבִין יִשְׂרָאֵל' אִידְן זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁהֵן טְמֵאִין' אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען טָמֵא, 'שְׁכִינָה בֵּינֵיהֶם' איז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט זֵיי – וְזֶה בְּחִינַת דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן בָּקִי זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען, בְּשׁוּב וִוי אַזוֹי מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק, כִּי אִי אֶפְשָׁר לֵילֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה ווייל עס איז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן און אָנְהַאלְטְן די תְּשׁוּבָה – כִּי אִם כְּשֶׁבָּקִי בִּשְׁנֵי הַבְּקִיאוּת הָאֵלּוּ נָאר אַז מֶען קֶען זִיךְ אוֹיס מִיט די בֵּיידֶע וֶועגְן.

**וְדִקְדֵּק** רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה און דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט די וֶוערְטֶער מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכְקֵייט, [דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמח) אַז זַיינֶע וֶוערְטֶער דַארְף מֶען אָנְקוּקְן אַזוֹי וִוי מֶען קוּקְט אָן אַ פָּסוּק, און אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן יֶעדֶע וָוארְט און פוּן יֶעדֶע אוֹת חִידוּשִׁים], וְקָרָא עִנְיָן זֶה און דֶער רֶבִּי רוּפְט אָן די זַאךְ בִּלְשׁוֹן בָּקִי מִיט אַ לָשׁוֹן 'זַיין זֵייעֶר גוּט בַּאקַאנְט', כִּי הִיא בְּקִיאוּת גְּדוֹלָה מְאֹד מְאֹד ווייל דָאס איז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף גוּט קֶענֶען און גוּט וִויסְן, שֶׁיִּזְכֶּה לֵידַע מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסְן, לְיַגֵּעַ עַצְמוֹ זִיךְ צוּ פְּלָאגְן, וְלִטְרֹחַ און זִיךְ צוּ מוּטְשֶׁען, בַּעֲבוֹדַת ה' בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תָּמִיד שְׁטֶענְדִיג, וּלְצַפּוֹת בְּכָל עֵת און צוּ הָאפְן שְׁטֶענְדִיג, לְהַגִּיעַ לְמַדְרֵגָה גְּבוֹהָה יוֹתֵר אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַ הֶעכֶערֶע פְּלַאץ, נִישְׁט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין אין די זֶעלְבֶּע פְּלַאץ, וְאַף עַל פִּי כֵן און אין די זֶעלְבֶּע צַייט וָואס מֶען ווִיל אַלְץ גֵיין הֶעכֶער און הֶעכֶער, זָאל מֶען אויך וִויסְן – אַל יִפֹּל מִשּׁוּם דָּבָר נִישְׁט צוּ

**וַאֲפִלּוּ אִם יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, חַס וְשָׁלוֹם, אַף־עַל־פִּי־כֵן אַל יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ כְּלָל, וִיקַיֵּם: "וְאַצִּיעָה שְּׁאוֹל הִנֶּךָּ", כַּנַּ"ל:**

**וְעַל־פִּי סוֹד נֶעְלָם בָּזֶה סוֹד כַּוָּנוֹת אֱלוּל הַנַּ"ל, כִּי בָּקִי הוּא בְּחִינַת שֵׁם יב"ק הַנַּ"ל, שֶׁהוּא אוֹתִיּוֹת בָּקִי, וְזֶה שֶׁזּוֹכֶה לִשְׁנֵי הַבְּקִיאוּת הַנַּ"ל, שֶׁהֵם שְׁתֵּי פְּעָמִים בָּקִי, דְּהַיְנוּ בָּקִי בְּרָצוֹא בָּקִי בְּשׁוֹב, עַל־יְדֵי־זֶה זוֹכֶה לְדֶרֶךְ הַתְּשׁוּבָה, כִּי שְׁתֵּי פְּעָמִים בָּקִי, שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁתֵּי פְּעָמִים יב"ק, הַנַּ"ל, עוֹלֶה בְּגִימַטְרִיָּא דֶּרֶךְ כַּנַּ"ל.**

**כִּי עַל־פִּי הַכַּוָּנוֹת נַעֲשֶׂה זֶה הַדֶּרֶךְ מִבְּחִינַת סֶגּוֹל דקס"א וְחִירִיק דס"ג, שֶׁהֵם בְּגִימַטְרִיָּא שְׁתֵּי פְּעָמִים יב"ק, כַּנִּזְכָּר לְעֵיל. וְזֶה בְּעַצְמוֹ סוֹד,**

וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן קַיין שוּם זַאךְ, **וַאֲפִלּוּ אִם יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, חַס וְשָׁלוֹם** אוּן אֲפִלּוּ אוֹיבּ עֶס זָאל זַיין מִיט אִים וָואס עֶס זָאל נָאר זַיין – **אַף עַל פִּי כֵן אַל יִפֹּל בְּדַעְתּוֹ כְּלַל** זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, **וִיקַיֵּים** נָאר גֶעדֶענְקֶען וָואס שְׁטֵייט: **'וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל'** אֲפִילוּ אִיךְ בִּין אוֹיסְגֶעבֶּעט אִין דִי טִיפֶע אָפְּגְרֶינְד – **'הִנֶּךָּ'** אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָא מִיט מִיר אוֹיךְ, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. **וְעַל פִּי סוֹד נֶעְלָם בָּזֶה** אוּן אִין דֶעם בַּאהַאלְטֶענֶעם **סוֹד** – לִיגְט בַּאהַאלְטְן **סוֹד כַּוָּנוֹת אֱלוּל** דִי סוֹד וִוי אַזוֹי מֶען קֶען חוֹדֶשׁ אֱלוּל תְּשׁוּבָה טוּן, **הַנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. **כִּי בָּקִי** וַוייל דִי וָוארְט בָּקִ"י – **הוּא בְּחִינַת שֵׁם יַבֵּ"ק** אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת וִוי דִי שֵׁם יַבֵּ"ק, **הַנַּ"ל** וָואס אִיז אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, **שֶׁהוּא אוֹתִיּוֹת בָּקִי** דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת פוּן בָּקִ"י; מֶען זָאל זַיין 'בָּקִ"י בַּהֲלָכָה' זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען אוּן גוּט וִויסְן וִוי צוּ גֵיין וֶוען מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, **וְזֶה שֶׁזּוֹכֶה לִשְׁנֵי הַבְּקִיאוּת** אוּן דֶער וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ דִי צְוֵויי בְּקִיאוּת, **הַנַּ"ל** וָואס אִיז אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, **שֶׁהֵם שְׁתֵּי פְּעָמִים בָּקִי** צְוֵויי מָאל דִי וָוארְט בָּקִ"י, **דְּהַיְנוּ בָּקִי בְּרָצוֹא בָּקִי בְּשׁוֹב, עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לְדֶרֶךְ הַתְּשׁוּבָה** אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ גֵיין אוֹיף דִי וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה, **כִּי שְׁתֵּי פְּעָמִים בָּקִי** וַוייל צְוֵויי מָאל בָּקִ"י, **שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁתֵּי פְּעָמִים יַבֵּ"ק** וָואס אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת וִוי דִי שֵׁם יַבֵּ"ק, **הַנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, **עוֹלֶה בְּגִימַטְרִיָּא דֶּרֶךְ** אִיז גִימַטְרִיָּא דֶרֶךְ, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. **כִּי עַל פִּי הַכַּוָּנוֹת** וַוייל לוֹיט דִי וֶוערְטֶער פוּן אֲרִיזַ"ל, **נַעֲשֶׂה זֶה הַדֶּרֶךְ** וֶוערְט דִי זַאךְ פוּן דֶרֶךְ, **מִבְּחִינַת** דוּרְךְ דִי שֵׁמוֹת **סֶגּוֹל דְקַס"א** וֶוען מֶען פִינְטְלְט דִי שֵׁם אס"ק מִיט דִי נְקוּדוֹת פוּן סֶגּוֹל, אַזוֹי: יֶו"ד הֶ"י וָא"ו הֶ"י **וְחִירִיק דס"ג** אוּן דִי שֵׁם ס"ג מִיט נִקּוּד חִירִיק אַזוֹי: אִלְ"ף הִ"י יִו"ד הִ"י, **שֶׁהֵם בְּגִימַטְרִיָּא** וָואס זֵיי בַּאטְרֶעפְן **שְׁתֵּי פְּעָמִים יַבֵּ"ק** צְוֵויי מָאל דִי שֵׁם יַבֵּ"ק, צְוֵויי הוּנְדֶערְט פִיר אוּן צְוַואנְצִיג (224), **כַּנִּזְכָּר לְעֵיל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, **וְזֶה בְּעַצְמוֹ סוֹד** אוּן אִין

דֶעם אַלֵיין לִיגְט דִי סוֹד פוּן בְּחִינַת שְׁנֵי הַבְּקִיאוּת דִי צְוֵויי בְּקִיאוּת, הַנַּ"ל וָואס אִיז אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט; כִּי בָּקִי בְּרָצוֹא ווייל דִי זַאךְ פוּן שְׁטֶענְדִיג וֶועלְן גֵיין הֶעכֶער און הֶעכֶער, שֶׁהוּא בְּחִינַת וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט: 'אֶסַּק שָׁמַיִם' אַז אִיךְ גֵיי אַרוֹיף אִין הִימְל, דָארְט בִּיסְטוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער – זֶה בְּחִינַת סֶגּוֹל דִקס"א דָאס אִיז דִי סֶגּוֹל פוּן דִי שֵׁם קס"א, כִּי אֶסַּק אוֹתִיּוֹת קס"א ווייל אֶסַּ"ק – וָואס אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן אַרוֹיפְגֵיין – אִיז דִי אוֹתִיּוֹת קס"א, וָואס בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי ווִי דֶעם שֵׁם אֱ-קֱ-יֶ-ה מִיט דִי מִלּוּי יוּדִין קס"א, הוּנְדֶערְט אֵיין און זֶעכְצִיג (161).

וּבָקִי בְּשׁוּב און דִי אַנְדֶערֶע בְּקִיאוּת פוּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, שֶׁהוּא בְּחִינַת דָאס וָואס שְׁטֵייט: 'וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ' וֶוען אִיךְ פַאל אִין טִיפְן אַפְּגְרוּנְד בִּיסְטוּ מִיט מִיר – זֶה בְּחִינַת חִירִיק דס"ג דָאס אִיז דִי חִירִיק פוּן שֵׁם ס"ג, מִלְּשׁוֹן ס"ג אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן אַוֶועק גֵיין, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כב, כח): 'אַל תַּסֵּ"ג' זָאלְסְט נִישְׁט אָפְּקֶערְן, 'גְּבוּל עוֹלָם' פוּן דִי גְרֶענִיץ פוּן דִי וֶועלְט, שֶׁהוּא בְּחִינַת ווייל וֶוען מֶען זִינְדִיגְט חַס שָׁלוֹם, שֶׁמַּסִּיג גְּבוּלוֹ אִיז דָאס

**בְּחִינַת שְׁנֵי הַבְּקִיאוּת הַנַּ"ל, כִּי בָּקִי בְּרָצוֹא, שֶׁהוּא בְּחִינַת "אֶסַּק שָׁמַיִם", זֶה בְּחִינַת סֶגּוֹל דקס"א, כִּי אֶסַּק אוֹתִיּוֹת קס"א. וּבָקִי בְּשׁוּב, שֶׁהוּא בְּחִינַת: "וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ", זֶה בְּחִינַת חִירִיק דס"ג, מִלְּשׁוֹן: "אַל תַּסֵּ"ג גְּבוּל עוֹלָם", שֶׁהוּא בְּחִינַת שֶׁמַּסִּיג גְּבוּלוֹ וּמַחֲזִירוֹ לַאֲחוֹרָיו, שֶׁזֶּה בְּחִינַת יְרִידָה, שֶׁהָאָדָם נוֹפֵל, חַס וְשָׁלוֹם, מִמַּדְרֵגָתוֹ, וְהוּא נָסוֹג אָחוֹר, חַס וְשָׁלוֹם. אַף־עַל־פִּי־כֵן יְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ, וְאַל יִתְיָאֵשׁ עַצְמוֹ לְעוֹלָם, כִּי גַּם שָׁם נִמְצָא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בִּבְחִינַת: "וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ", כַּנַּ"ל, וְזֶה בְּחִינַת שֵׁם ס"ג, כַּנַּ"ל.**

אַזוֹי ווִי עֶר קֶערְט אַוֶועק פוּן זַיין גְרֶענִיץ, וּמַחֲזִירוֹ לַאֲחוֹרָיו עֶר קֶערְט עֶס צוּרִיק אוֹיף צוּרִיק וֶועגְס; ווייל יֶעדֶער אִיד הָאט אַ גְרֶענִיץ פוּן קְדוּשָּׁה, וָואס מֶען דַארְף טוּן און וָואס מֶען טָאר נִישְׁט טוּן, און וֶוען מֶען זִינְדִיגְט חַס וְשָׁלוֹם – קֶערְט מֶען אַוֶועק דִי גְרֶענִיץ רַחֲמָנָא לִצְלָן, שֶׁזֶּה בְּחִינַת יְרִידָה עֶר נִידֶערְט אַרָאפּ דִי גְרֶענִיץ; שֶׁהָאָדָם נוֹפֵל וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ, חַס וְשָׁלוֹם, מִמַּדְרֵגָתוֹ פוּן זַיין מַדְרֵיגָה, וְהוּא נָסוֹג אָחוֹר חַס וְשָׁלוֹם און עֶר קֶערְט זִיךְ אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַף עַל פִּי כֵן מִיט דֶעם אַלֶעם, יְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ זָאל עֶר זִיךְ שְׁטַארְקְן, וְאַל יִתְיָאֵשׁ עַצְמוֹ לְעוֹלָם און קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן, כִּי גַּם שָׁם ווייל אוֹיךְ דָארְט, נִמְצָא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גֶעפִינְט זִיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, בִּבְחִינַת אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט: 'וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל' און וֶוען אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, 'הִנֶּךָּ' בִּיסְטוּ דָא, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**וְזֶה** בְּחִינַת שֵׁם ס"ג און אוֹיף דֶעם אִיז מְרַמֵּז דִי שֵׁם ס"ג, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**און** אוֹיךְ דִי צְוֵויי נְקוּדּוֹת 'סֶגּוֹל' און

**כִּי** סֶגּוֹל דָּא חַמָּה, שֶׁהוּא נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה שֶׁעַל הָאָלֶף, הַנֶּחֱלֶקֶת לְשָׁלֹשׁ טִפִּין, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת "אֶסַּק שָׁמַיִם", בְּחִינַת סֶגּוֹל דְּקס"א, שֶׁהוּא אוֹתִיּוֹת אֶסַּק, כַּנַּ"ל. וְחִירִיק הוּא בְּחִינַת נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה שֶׁל הָאָלֶף, שֶׁהוּא בְּחִינַת: "וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ", שֶׁהוּא בְּחִינַת חִירִיק דְּס"ג הַנַּ"ל.

**וְזֶה** שֶׁכָּתַב שָׁם לְמַעְלָה בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל: "וּכְשֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵלּוּ הַשְּׁנֵי בְּקִיאוּת הַנַּ"ל אֲזַי הוּא הוֹלֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה", כִּי מִשְּׁנֵי פְּעָמִים בָּקִי, שֶׁהֵם בְּחִינַת קס"א וס"ג, "אֶסַּק שָׁמַיִם וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל" וְכוּ',

'חִירִיק' אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי צְוֵויי בְּקִיאוּת; סֶגּוֹל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף בָּקִי בְּרָצוֹא, כִּי סֶגּוֹל דָּא חַמָּה ווייל דִי נְקוּד סֶגּוֹל אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי זוּן, שֶׁהוּא נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה שֶׁעַל הָאָלֶף וָואס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א', דָאס אִיז ווען מֶען אִיז בָּקִ"י בְּעַיִל. הַנֶּחֱלֶקֶת לְשָׁלֹשׁ טִפִּין דֶער סֶגּוֹל אִיז דְרַיי פִּינְטֶלֶעךְ, אַנְטְקֶעגְן 'כֶּתֶר' 'חָכְמָה' 'בִּינָה', אוּן אוֹיךְ קֶעגְן דִי דְרַיי חֲלָקִים פוּן תְּשׁוּבָה; יִרְאֶה בְעֵינָיו, בְּאָזְנָיו יִשְׁמַע, וּלְבָבוֹ יָבִין, שֶׁזֶּהוּ אוּן דָאס וַוייזְט אַז ווען אַ מֶענְטְשׁ דִינְט דֶעם אייבֶערְשְׁטְן, בְּחִינַת 'אֶסַּק שָׁמַיִם' ווען עֶס גֵייט אִים דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם - זָאל עֶר אוֹיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז עֶר וֵוייסְט נָאךְ גָארְנִישְׁט, אוּן זִיךְ וַוייטֶער צִיעֶן נָאךְ מֶער צוּם אייבֶערְשְׁטְן, בְּחִינַת סֶגּוֹל דְּקס"א דָאס לֶערְנְט אוּנְז דִי סֶגּוֹל בַּיי דִי שֵׁם קס"א, שֶׁהוּא אוֹתִיּוֹת אֶסַּק וָואס קס"א אִיז דִי אוֹתִיּוֹת אֶסַּ"ק, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**אוּן** אַזוֹי אוֹיךְ, וְחִירִיק דִי נְקוּדָה פוּן חִירִיק לֶערְנְט אוּנְז אוֹיךְ דִי וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה טוּן, הוּא בְּחִינַת נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה שֶׁל הָאָלֶף דִי חִירִיק אִיז פוּן אוּנְטֶערְן אוֹת, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיפְן אוּנְטֶערְשְׁטְן פִּינְטְל פוּנֶעם א', שֶׁהוּא בְּחִינַת דָאס אִיז ווען אַ מֶענְטְשׁ אִיז בִּירִידָה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל' אוּן ווען אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, 'הִנֶּךָּ' דַארְף אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אייבֶערְשְׁטֶער אִיז וַוייטֶער מִיט מִיר, שֶׁהוּא בְּחִינַת דָאס לֶערְנְט אוּנְז, חִירִיק דִי נְקוּדָה פוּן חִירִיק, דְּס"ג וָואס אִיז בַּיי דִי שֵׁם פוּן ס"ג, וָואס לֶערְנְט דִי אַלֶע וָואס קֶערְן זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אייבֶערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן גֶעדֶענְקֶען דֶעם לִימּוּד פוּנֶעם צַדִּיק, פוּן חִירִיק; אַז דֶער אייבֶערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג מִיטְן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ ווען עֶר אִיז גֶעפַאלְן, הַנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**וְזֶה שֶׁכָּתַב שָׁם לְמַעְלָה בְּהַתּוֹרָה** אוּן דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט אוֹיבְן גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי תּוֹרָה, הַנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, 'וּכְשֶׁיֵּשׁ לוֹ אֵלּוּ הַשְּׁנֵי בְּקִיאוּת' אוּן ווען עֶר הָאט דִי צְוֵויי בְּקִיאוּת, הַנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, 'אֲזַי הוּא הוֹלֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה' נָאר אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, כִּי מִשְּׁנֵי פְּעָמִים בָּקִי ווייל פוּן דִי צְוֵויי מָאל 'בָּקִי' שֶׁהֵם בְּחִינַת קס"א וס"ג וָואס דִי צְוֵויי שֵׁמוֹת זֶענֶען דִי פְּסוּקִים פוּן 'אֶסַּק שָׁמַיִם, וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל' וְכוּ' אַז בַּעֲלִיָּה אוּן בִּירִידָה

**עַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת דֶּרֶךְ, שֶׁהוּא בְּגִימַטְרִיָּא שְׁתֵּי פְּעָמִים בָּקִי, שֶׁהֵם קס"א וְס"ג וְכוּ', כַּנַּ"ל. כִּי עִקַּר דֶּרֶךְ הַתְּשׁוּבָה זוֹכִין עַל־יְדֵי שְׁנֵי הַבְּקִיאוּת הַנַּ"ל, וְאָז יְמִין ה' פְּשׁוּטָה לְקַבֵּל תְּשׁוּבָתוֹ, כִּי יָמִין בְּגִימַטְרִיָּא דֶּרֶךְ, שֶׁהֵם שְׁתֵּי פְּעָמִים בָּקִי, כַּנַּ"ל. וּפְשׁוּטָה בְּגִימַטְרִיָּא סֶגּוֹל דְּקס"א וְחִירִיק דְּס"ג, שֶׁהֵם בְּעַצְמָם בְּחִינַת נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה וּנְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה, שֶׁהֵם בְּחִינַת מַה שֶּׁצְּרִיכִין לְבַקֵּשׁ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ תָּמִיד, הֵן לְמַעְלָה הֵן**

אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט מִיר, עַל יְדֵי זֶה דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען לֶעבְּט מִיט דִי צְוֵויי וֶועגְן – **נַעֲשֶׂה בְּחִינַת דֶּרֶךְ** הָאט מֶען אַ וֶועג צוּ קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, **שֶׁהוּא בְּגִימַטְרִיָּא** וָואס דִי צְוֵויי שֵׁמוֹת בַּאטְרֶעפְן, **שְׁתֵּי פְּעָמִים בָּקִי** צְוֵויי מָאל דִי וָוארְט בָּקִ"י, צְוֵויי הוּנְדֶערְט פִּיר און צְוָואנְצִיג (224), **שֶׁהֵם** דִי צְוֵויי שֵׁמוֹת **קס"א וְס"ג וְכוּ' כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, **כִּי עִקַּר דֶּרֶךְ הַתְּשׁוּבָה זוֹכִין** וַוייל נָאר אַזוֹי אִיז דָא אַ וֶועג צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה טוּן, **עַל יְדֵי שְׁנֵי הַבְּקִיאוּת** דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען וֵוייסְט אַז סַיי וֶוען מֶען אִיז אוֹיבְן אַז מֶען הַאלְט נָאךְ בַּיים אָנְהוֹיבּ, און סַיי וֶוען מֶען אִיז אוּנְטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר, בַּיי מִיר און נֶעבְּן מִיר, און אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג, **הַנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט – **וְאָז** דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה, **יְמִין ה' פְּשׁוּטָה** אַז דִי רֶעכְטֶע הַאנְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט – **לְקַבֵּל תְּשׁוּבָתוֹ** אָנְצוּנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה, **כִּי יָמִין** וַוייל דִי וָוארְט 'יָמִין' **בְּגִימַטְרִיָּא דֶּרֶךְ** בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי דִי וָוארְט 'דֶּרֶךְ', וַוייל דִי וָוארְט 'יָמִין' אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן יוּ"ד מֵ"ם יוּ"ד נוּ"ן – בַּאטְרֶעפְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט זֶעקְס און צְוָואנְצִיג (226), און מִיטְן כּוֹלֵל צְוֵויי הוּנְדֶערְט זִיבְּן און צְוָואנְצִיג (227), און דֶּרֶךְ בַּאטְרֶעפְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט פִּיר און צְוָואנְצִיג (224), און מִיט דִי דְרַיי אוֹתִיּוֹת ד'ר'ך' קוּמְט אוֹיס צְוֵויי הוּנְדֶערְט זִיבְּן און צְוָואנְצִיג (227), און דֶּרֶךְ בַּאטְרֶעפְט צְוֵויי הוּנְדֶערְט פִּיר און צְוָואנְצִיג (224), **שֶׁהֵם שְׁתֵּי פְּעָמִים בָּקִי** אַזוֹי וִוי צְוֵויי מָאל דִי וָוארְט בָּקִ"י, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. **וּפְשׁוּטָה** און דִי וָוארְט 'פְּשׁוּטָה' **בְּגִימַטְרִיָּא** בַּאטְרֶעפְט פִּיר הוּנְדֶערְט (400), אַזוֹי וִוי דִי צָאל פוּן דִי נְקוּדוֹת **סֶגּוֹל דְּקס"א**, דִי צֶען מָאל סֶגּוֹל פוּן דִי שֵׁם קס"א, וָואס בַּאטְרֶעפְט דְרַיי הוּנְדֶערְט (300), **וְחִירִיק דְּס"ג** און דִי צֶען פִּינְטְלֶעךְ פוּן חִירִיק פוּן דִי שֵׁם ס"ג, יֶעדֶע פִּינְטְל אִיז 10 אַזוֹי וִוי אַ י', אִיז דָאס הוּנְדֶערְט (100), און צוּזַאמֶען מִיט דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דְרַיי הוּנְדֶערְט (300) אִיז דָאס פִּיר הוּנְדֶערְט (400), **שֶׁהֵם בְּעַצְמָם** וָואס זֵיי – דִי נְקוּדוֹת – אַלֵיין, זֶענֶען מְרוּמָז אִינֶעם א'; דֶער סֶגּוֹל אִיז **בְּחִינַת נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה** דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א', **וּנְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה** און דִי חִירִיק אִיז דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א', **שֶׁהֵם בְּחִינַת** דָאס דֶערְמַאנְט אוּנְז, **מַה שֶּׁצְּרִיכִין לְבַקֵּשׁ** אַז מִיר דַארְפְן זוּכְן און נִישְׁטֶערְן, **הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **תָּמִיד**

לְמַטָּה, בִּבְחִינַת: "אִם אֶסַּק שָׁמַיִם שָׁם אָתָּה, וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ", שֶׁהֵם בִּבְחִינַת שְׁנֵי הַבְּקִיאוּת הַנַּ"ל, וְעַל כֵּן כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ שְׁנֵי הַבְּקִיאוּת הַנַּ"ל, אָז הוּא הוֹלֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה, וְאָז יְמִין ה' פְּשׁוּטָה לְקַבֵּל תְּשׁוּבָתוֹ. וְהָבֵן הַדְּבָרִים הֵיטֵב, כִּי הֵם דְּבָרִים עֲמֻקִּים מְאֹד.

**וְעַל־פִּי־זֶה** תָּבִין לְקַשֵּׁר הַתּוֹרָה הֵיטֵב, שֶׁמַּה שֶּׁכָּתַב בַּסּוֹף מֵעִנְיַן נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה וּנְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה שֶׁל הָאָלֶף, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ בְּחִינַת שְׁנֵי הַבְּקִיאוּת הַנַּ"ל, (כִּי זֶה אֵינוֹ מְבֹאָר בְּפֵרוּשׁ בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל, רַק עַל־פִּי כַּוָּנוֹת הַנַּ"ל מוּבָן זֹאת מִמֵּילָא לַמַּשְׂכִּיל), וְזֶהוּ

שְׁטֶענְדִיג, הֵן לְמַעְלָה סַיי וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיף הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער בַּיי דִי קְדוּשָּׁה, הֵן לְמַטָּה סַיי וֶוען מֶען פַאלְט חַס וְשָׁלוֹם, בִּבְחִינַת 'אִם אֶסַּק שָׁמַיִם' סַיי וֶוען מֶען גֵייט הֶעכֶער דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז 'שָׁם אָתָּה' מֶען קֶען נָאךְ וַוייטֶער גֵיין, 'וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל' אוּן סַיי וֶוען מֶען אִיז אִין שְׁאוֹל – 'הִנֶּךָּ' אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דָא מִיט מִיר, אוּן וַוארְט צוּ הֶערְן מַיין קוֹל, שֶׁהֵם בְּחִינַת שְׁנֵי הַבְּקִיאוּת וָואס דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי וֶועגְן ווִי אַזוֹי מֶען טוּט תְּשׁוּבָה, הַנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**וְעַל כֵּן** דֶערִיבֶּער, כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ שְׁנֵי הַבְּקִיאוּת וֶוען מֶען הָאט דִי צְוֵויי בְּקִיאוּת, הַנַּ"ל וָואס אִיז אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, אָז הוּא הוֹלֵךְ בְּדַרְכֵי הַתְּשׁוּבָה קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן; וַוייל אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט דִי צְוֵויי בְּקִיאוּת – אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם עֲלִיּוֹת אוּן יְרִידוֹת, אוּן נָאר אַז מֶען גֶעדֶענְקְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג צוּ וֶועלְן מֶער דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְּן – נָאר אַזוֹי קֶען מֶען בְּלַייבְּן שְׁטַארְק אוּן וַוייטֶער תְּשׁוּבָה טוּן, וְאָז אוּן דֶעמָאלְט אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה, יְמִין ה' פְּשׁוּטָה דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער כִּבְיָכוֹל שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט, לְקַבֵּל תְּשׁוּבָתוֹ אָנְצוּנֶעמֶען זַיין תְּשׁוּבָה, וְהָבֵן הַדְּבָרִים הֵיטֵב אוּן דוּ זָאלְסְט גוּט פַארְשְׁטֵיין דִי רֵייד, כִּי הֵם דְּבָרִים עֲמֻקִּים מְאֹד וַוייל דָאס זֶענֶען זֵייעֶר טִיפֶע אוּן ווִיכְטִיגֶע רֵייד צוּ ווִיסְן, ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**וְעַל פִּי זֶה** אוּן לוֹיט דֶעם, תָּבִין וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין, לְקַשֵּׁר הַתּוֹרָה הֵיטֵב צוּ קֶענֶען צַאמְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה. שֶׁמַּה שֶּׁכָּתַב בַּסּוֹף וַוייל דָאס וָואס שְׁטֵייט בַּיים עֶנְדֶע תּוֹרָה, מֵעִנְיַן נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה דִי סוֹד פוּן דִי אוֹת א', דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל, וּנְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה שֶׁל הָאָלֶף מִיט דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל, זֶהוּ בְּעַצְמוֹ בְּחִינַת שְׁנֵי הַבְּקִיאוּת דָאס אַלֵיין אִיז דִי צְוֵויי בְּקִיאוּת וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן בַּיים תְּשׁוּבָה טוּן, הַנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. (כִּי זֶה אֵינוֹ מְבֹאָר בְּפֵרוּשׁ בְּהַתּוֹרָה דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין דִי תּוֹרָה, הַנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, רַק עַל פִּי כַּוָּנוֹת אָבֶּער לוֹיט דִי כַּוָּנוֹת, הַנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט – מוּבָן זֹאת מִמֵּילָא

לַמַּשְׂכִּיל איז דָאס אַלֵיין פַּארְשְׁטֶענְדְלִיךְ), אַז די אויבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳ איז די זַאךְ פוּן סֶגוֹל, דָאס איז די סֶגוֹל פוּן די שֵׁם קס"א, אוּן די אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳ אִיז די חִירִיק, די חִירִיק פוּן די שֵׁם ס"ג, אוּן די סְגוֹל פוּן קס"א איז אֶסַ"ק, 'אֶסַּק שָׁמַיִם' 'זַכָּאָה מַאן דְעַיִל', אוּן די חִירִיק פוּן די שֵׁם ס"ג איז מְרַמֵּז אויף צוּרִיק פַאלְן, פוּן די לָשׁוֹן 'אַל תַּסֵּג גְּבוּל עוֹלָם', 'וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ' אוּן די לָשׁוֹן פוּן זוֹהַר: 'מַאן דְּנָפִיק'; קוּמְט אוֹיס, אַז אִין די אויבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳ אוּן אִין די אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל – זֶענֶען בַּאהַאלְטְן די צְוֵויי בְּקִיאוּת וָואס איז אויבְן אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**בְּעַצְמוֹ בְּחִינַת תְּשׁוּבָה עַל תְּשׁוּבָה, שֶׁכָּתַב שָׁם, כִּי זְבִיחַת הַיֵּצֶר הָרָע, שֶׁהוּא בְּחִינַת דֹּם לַה׳, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּשׁוּבָה הָרִאשׁוֹנָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת כְּבוֹד עוֹלָם הַזֶּה, זֶה בְּחִינַת נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה, שֶׁנַּעֲשֵׂית מִבְּחִינַת הַדְּמִימָה וְהַשְּׁתִיקָה, מִבְּחִינַת דֹּם לַה׳. וְכָל זֶה הוּא בְּחִינַת חִירִיק דְּס"ג וְכוּ׳, שֶׁהוּא בְּחִינַת בָּקִי בְּשׁוּב, כַּנַּ"ל. וּתְשׁוּבָה הַשְּׁנִיָּה שֶׁעוֹשֶׂה עַל תְּשׁוּבָתוֹ הָרִאשׁוֹנָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת כְּבוֹד**

**וְזֶהוּ בְּעַצְמוֹ** אוּן דָאס אַלֵיין איז **בְּחִינַת תְּשׁוּבָה עַל תְּשׁוּבָה** די זַאךְ וָואס איז אויבְן אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, תְּשׁוּבָה טוּן אויף די פְרִיעֶרְדִיגֶע תְּשׁוּבָה, **שֶׁכָּתַב שָׁם** וָואס שְׁטֵייט אויבְן (אות ג), **כִּי זְבִיחַת הַיֵּצֶר הָרָע** ווייל דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען שֶׁחְט דֶעם יֵצֶר הָרָע, **שֶׁהוּא בְּחִינַת** 'דֹּם לַה׳' דוּרְךְ שְׁווַייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען הָאט בִּזְיוֹנוֹת, **שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּשׁוּבָה הָרִאשׁוֹנָה** וָואס דָאס איז די עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן וֶוען מֶען ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, צוּ זַיין בָּטֵל וּמְבוּטָל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **שֶׁהוּא בְּחִינַת כְּבוֹד עוֹלָם הַזֶּה** וָואס דָאס איז די וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט כָּבוֹד פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אויף די וֶועלְט, דוּרְכְן פַארְמִינֶערְן אִין די אֵייגֶענֶע כָּבוֹד, נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין וֶוען מֶען רֶעדְט אויף אִים אוּן וֶוען מֶען פַארְגִיסְט זַיין בְּלוּט, נָאר זוּכְן צוּ פַארְמֶערְן די כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **זֶה בְּחִינַת** די מַדְרֵיגָה איז – **נְקֻדָּה הַתַּחְתּוֹנָה** די אוּנְטֶערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א׳, **שֶׁנַּעֲשֵׂית מִבְּחִינַת** צוּ דֶעם קוּמְט מֶען צוּ, דוּרְךְ **הַדְּמִימָה וְהַשְּׁתִיקָה** אָפְּשְׁווַייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר די וָואס טְשֶׁעפֶּען, **מִבְּחִינַת** אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'דֹּם לַה׳' שְׁווַייג, **וְכָל זֶה הוּא בְּחִינַת חִירִיק דְּס"ג וְכוּ׳** אוּן אַזוֹי וֶוערְט מֶען אַזוֹי ווִי די חִירִיק, אַ קְלֵיינֶע פִּינְטְל, **שֶׁהוּא בְּחִינַת** דָאס איז די בְּקִיאוּת פוּן **בָּקִי בְּשׁוּב** ווִיסְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶערְט זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ זַיין בַּיי זִיךְ ווִי עֶרְד, אַזוֹי ווִי מֶען בֶּעט בַּיים דַאוֶונֶען: 'וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה' אִיךְ זָאל זַיין בַּיי מִיר ווִי עֶרְד, נִישְׁט מַקְפִּיד זַיין וֶוען מֶען פַארְגִיסְט מַיין בְּלוּט, מֶען זָאל דָאס אָנְנֶעמֶען פַאר כַּפָּרַת עֲוֹונוֹת, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי ווִי אויבְן אויסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

**וּתְשׁוּבָה הַשְּׁנִיָּה** אוּן נָאכְדֶעם טוּט מֶען נָאכְאַמָאל תְּשׁוּבָה, **שֶׁעוֹשֶׂה עַל תְּשׁוּבָתוֹ הָרִאשׁוֹנָה** מֶען טוּט תְּשׁוּבָה אויף

**הָעוֹלָם הַבָּא**, בְּחִינַת: "כְּבוֹד אֱלֹקִים הַסְתֵּר דָּבָר", זֶה בְּחִינַת נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה, בְּחִינַת כֶּתֶר, **שֶׁהוּא** בְּחִינַת משֶׁה, בְּחִינַת סֶגּוֹל וְכוּ'. וְהָבֵן הַדְּבָרִים הֵיטֵב, **אֵיךְ** כָּל הַדְּבָרִים הַנֶּאֱמָרִים שָׁם, בְּהַתּוֹרָה הַנַּ"ל, נִקְשָׁרִים וְנִכְלָלִים אַחַר־כָּךְ בְּיַחַד בְּקֶשֶׁר **נִפְלָא** וְנוֹרָא, וְהַמַּשְׂכִּילִים יָבִינוּ קְצָת:

**וְעִקַּר** הַדָּבָר, **שֶׁעַל** יְדֵי שֶׁהָאָדָם, **כְּשֶׁהוּא** בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה מְאֹד, וְאַף־עַל־ פִּי־כֵן הוּא מְחַזֵּק עַצְמוֹ וּמַאֲמִין שֶׁגַּם שָׁם יֵשׁ לוֹ תִּקְוָה עֲדַיִן, כִּי גַּם שָׁם נִמְצָא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בִּבְחִינַת: "וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל הִנֶּךָּ", אֲזַי מַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ הַקְּדֻשָּׁה מִשֵּׁם הַקָּדוֹשׁ הֲוָיָה בְּמִלּוּי ס"ג, **שֶׁהוּא** מְחַיֶּה

די פְּרִיעֶרְדִיגֶע תְּשׁוּבָה, **שֶׁהוּא** בְּחִינַת כְּבוֹד **הָעוֹלָם הַבָּא** וָואס דָאס אִיז דִי תְּשׁוּבָה פוּן עוֹלָם הַבָּא, וֶוען מֶען קוּמְט אַלְץ צוּ אַ הֶעכֶערֶע סָארְט הַשָּׂגָה, מֶען זֶעט אַיין מֶער אוּן מֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען קוּקְט אָן דִי פְּרִיעֶרְדִיגֶע תְּשׁוּבָה ווִי גַּשְׁמִיּוּת אַנְטְקֶעגְן וָואס מֶען אִיז מַשִּׂיג יֶעצְט, בְּחִינַת אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: 'כְּבוֹד אֱלֹקִים' דִי גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מוֹדֶה אוּן זָאגְט: 'הַסְתֵּר דָּבָר' אִיךְ ווֵייס גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר ווַייט, אוּן מֶען בֶּענְקְט אוּן מֶען ווִיל קוּמֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶה בְּחִינַת נְקֻדָּה הָעֶלְיוֹנָה דָאס אִיז דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פִּינְטְל פוּנֶעם א', בְּחִינַת כֶּתֶר דִי הוֹיכֶע הֵיילִיגֶע מַדְרֵיגָה פוּן 'כֶּתֶר', **שֶׁהוּא** בְּחִינַת משֶׁה דִי מַדְרֵיגָה וָואס משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, בְּחִינַת סֶגּוֹל וְכוּ' וָואס דָאס אִיז דִי נְקוּדָּה פוּן סֶגּוֹל, וְהָבֵן הַדְּבָרִים הֵיטֵב אוּן פַארְשְׁטֵיי גוּט דִי רֵייד, **אֵיךְ** כָּל הַדְּבָרִים הַנֶּאֱמָרִים שָׁם ווִי אַזוֹי אַלֶעס וָואס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן, בְּהַתּוֹרָה אִין דִי תּוֹרָה, הַנַּ"ל אַזוֹי ווִי אוֹיבְּן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, נִקְשָׁרִים זֶענֶען צַאמְגֶעקְנִיפְּט, וְנִכְלָלִים אַחַר כָּךְ בְּיַחַד אוּן זֵיי ווֶוערְן נָאכַאמָאל צַאמְגֶעבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם, בְּקֶשֶׁר **נִפְלָא** וְנוֹרָא מִיט אַ שְׁטַארְקֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע קְנִיפּ, וְהַמַּשְׂכִּילִים יָבִינוּ קְצָת אַז דִי קְלוּגֶע וֶועלְן אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין.

**וְעִקַּר** הַדָּבָר אוּן דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען, **שֶׁעַל** יְדֵי **שֶׁהָאָדָם** **כְּשֶׁהוּא** בַּמַּדְרֵיגָה הַתַּחְתּוֹנָה מְאֹד אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעפַאלְן אִין אַ נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה, וְאַף עַל פִּי כֵן הוּא מְחַזֵּק עַצְמוֹ אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז עֶר זִיךְ מְחַזֵּק, וּמַאֲמִין שֶׁגַּם שָׁם יֵשׁ לוֹ תִּקְוָה עֲדַיִן אוּן עֶר גְלֵייבְּט אַז עֶר הָאט נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג, כִּי גַּם שָׁם נִמְצָא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עֶר גְלֵייבְּט אַז דָארְט, מִיט אִים, אִין זַיין נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה – גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, בִּבְחִינַת אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט: 'וְאַצִּיעָה שְׁאוֹל' אוּן וֶוען אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית – 'הִנֶּךָּ' בִּיסְטוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט מִיר, אֲזַי מַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ דֶעמָאלְט צִיט עֶר צוּ זִיךְ, הַקְּדֻשָּׁה אַ שְׁטַארְקֶע קְדוּשָּׁה, מִשֵּׁם הַקָּדוֹשׁ הֲוָיָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע שֵׁם הֲוָיָ"ה, בְּמִלּוּי ס"ג וָואס בַּאטְרֶעפְט ס"ג (63), **שֶׁהוּא** מְחַיֶּה וָואס

**אֶת כָּל הַנְּסוֹגִים אָחוֹר מִקְּדֻשָּׁתוֹ לְהַחֲזִיקָם לְבַל יִפְּלוּ לְגַמְרֵי, חַס וְשָׁלוֹם, וְזֶה בְּחִינַת בָּקִי בְּשׁוּב, שֶׁזֶּה הַבְּקִיאוּת הוּא בְּחִינַת שֵׁם יב"ק הַקָּדוֹשׁ, בְּחִינַת שֵׁם ס"ג. וְכֵן כְּשֶׁאָדָם זוֹכֶה לָבוֹא לְאֵיזוֹ מַדְרֵגָה בַּקְּדֻשָּׁה הָעֶלְיוֹנָה, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן אֵינוֹ עוֹמֵד שָׁם, וְהוּא מִתְחַזֵּק וּמִתְגַּבֵּר לַעֲלוֹת יוֹתֵר וְיוֹתֵר, אֲזַי מַמְשִׁיךְ הַקְּדֻשָּׁה עַל**

דֶער שֵׁם גֶעבְּט לֶעבְּן אוּן הָאפֶענוּנְג – **אֶת** כָּל הַנְּסוֹגִים **אָ**חוֹר מִקְּדֻשָּׁתוֹ פַּאר דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַוֶועק גֶעפַאלְן פוּן דִי קְדוּשָּׁה, לְהַחֲזִיקָם זֵיי צוּ שְׁטַארְקְן, לְבַל יִפְּלוּ לְגַמְרֵי, חַס וְשָׁלוֹם זֵיי זָאלְן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פַאלְן.

קוּק אַרַיין אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן פב, וואוּ דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (תְּהִלִּים נג, ד): 'כֻּלּוֹ סָג יַחְדָּו, אֲפִילוּ כְּשֶׁאֲנִי רוֹאֶה אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, שֶׁסָּג מִכֹּל וָכֹל מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא', אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ זֶע אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ נֶעבֶּעךְ אַוֶועק גֶעקֶערְט אִינְגַאנְצְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'אַף עַל פִּי כֵן צָרִיךְ אֲנִי שֶׁנִּהְיֶה יַחְדָּו, צָרִיךְ לְיַחֵד וּלְקַשֵּׁר עִמּוֹ', דַארְף אִיךְ זַיין מִיט אִים אִינְאֵיינֶעם, אִים מְחַזֵּק זַיין אוּן אִים וַוייזְן אַז אֲפִילוּ דָארְט וואוּ עֶר אִיז גֶעפַאלְן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ מִיט אִים, 'כְּמוֹ שֶׁעָשָׂה מֹשֶׁה' אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעטוּן, עֶר הָאט זִיךְ [צוּגֶעבִּינְדְן] גֶעהַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אִידְן בְּאַחְדוּת, 'כִּי יֵשׁ בְּחִינַת אֱלֹקוּת' וַוייל מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעווּאוּסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ, 'אֲפִילוּ בַּדְּיוֹטָא הַתַּחְתּוֹנָה' אֲפִילוּ אִין דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלַאץ, 'אֲפִילוּ בַּעֲשָׂרָה כִּתְרֵי דְּמִסָּאֲבוּתָא' אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן בַּיי דִי קְלִיפּוֹת, בַּיי דִי צֶענְטֶע שְׁטַאפְּל אִין דִי טוּמְאָה, 'לְקַיֵּם' אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט: 'וּמַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה' דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעוֶועלְטִיגְט אִיבֶּעראל, [מִיט דֶעם קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין דֶעם פָּסוּק 'כּוּלוֹ סָג יַחְדָּיו', דִי טַייטְשׁ פוּן ס"ג מֵיינְט אַוֶועקְגֶערוּקְט, וַוייל דֶער שֵׁם הֲוָיָ"ה מִיט דִי מִלּוּי פוּן ס"ג אִיז דָאךְ דֶער שֵׁם וָואס גֶעבְּט הָאפֶענוּנְג פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָּׁה, דָאס טַייטְשׁ, 'כֻּלּוֹ סָ"ג' אַלֶע וָואס זֶענֶען אַוֶועקְגֶערוּקְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ דֶעם הֵיילִיגְן שֵׁם – 'יַחְדָּו' קוּמֶען אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען הַאלְט זִיךְ צוּזַאמֶען מִיט זֵיי, אוּן מֶען וַוייזְט זֵיי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ אוֹיךְ מִיט זֵיי].

**וְזֶה** בְּחִינַת בָּקִי בְּשׁוּב אוּן דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן 'שׁוּב', וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז נָאךְ זֵייעֶר וַוייט הָאט מֶען נָאךְ אַ הָאפֶענוּנְג, **שֶׁזֶּה הַבְּקִיאוּת הוּא בְּחִינַת** דָאס אִיז שֵׁם **יַבּ"ק הַקָּדוֹשׁ** דִי הֵיילִיגֶע שֵׁם יַבּ"ק, **בְּחִינַת שֵׁם ס"ג** דִי שֵׁם הוי"ה בָּרוּךְ הוּא וָואס בַּאטְרֶעפְט דְרֵיי אוּן זֶעכְצִיג (63); **וְכֵן** אוּן אַזוֹי אוֹיךְ, **כְּשֶׁאָדָם זוֹכֶה** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה, **לָבוֹא לְאֵיזוֹ מַדְרֵיגָה בַּקְּדֻשָּׁה הָעֶלְיוֹנָה** צוּ קוּמֶען צוּ עֶפֶּעס אַ דֶערְהוֹיבֶּענֶע הֵיילִיגֶע מַדְרֵיגָה, **וְאַף עַל פִּי כֵן** אוּן מִיט דֶעם אַלֶעם, **אֵינוֹ עוֹמֵד שָׁם** בְּלַייבְּט עֶר נִישְׁט שְׁטֵיין דָארְט, **וְהוּא מִתְחַזֵּק וּמִתְגַּבֵּר** נָאר עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ, **לַעֲלוֹת יוֹתֵר וְיוֹתֵר** צוּ גֵיין הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער, **אֲזַי מַמְשִׁיךְ הַקְּדֻשָּׁה**

עַל עַצְמוֹ דֶעמָאלְט צִיט עֶר צוּ זִיךְ דִי קְדוּשָׁה, מִשֵּׁם הַקָּדוֹשׁ אֶ-קֱ-יֶ-ק פוּן דִי הֵיילִיגֶע שֵׁם אֶ-קֱ-יֶ-ק, בְּמִלּוּי קס"א אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיבְּן מִיט דִי מִלּוּי וָואס בַּאטְרֶעפְט קס"א, שֶׁהוּא בְּחִינַת וָואס דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן בָּקִי בְּרָצוֹא, זִיךְ אוֹיסְקֶענֶען צוּ גֵיין הֶעכֶער.

**עַצְמוֹ מִשֵּׁם הַקָּדוֹשׁ אקי"ק בְּמִלּוּי קס"א, שֶׁהוּא בְּחִינַת בָּקִי בְּרָצוֹא. כִּי הָאָדָם — כְּפִי תְּנוּעוֹתָיו וּכְפִי הִתְחַזְּקוּתוֹ בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כֵּן גּוֹרֵם לְיַחֵד הַשֵּׁמוֹת לְמַעְלָה, וּמַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ הַקְּדֻשָּׁה מִשָּׁם. וְהָבֵן הֵיטֵב:**

**וְהִנֵּה מְבֹאָר לְעֵיל, שֶׁעַל-יְדֵי הַדְּמִימָה וְהַשְּׁתִיקָה שֶׁשּׁוֹתְקִין לַחֲבֵרוֹ כְּשֶׁמְּבַזִּין אוֹתוֹ, עַל-יְדֵי-זֶה זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת כֶּתֶר כַּנַּ"ל, עַיֵּן שָׁם, כִּי 'סְיָג לַחָכְמָה שְׁתִיקָה' כַּנַּ"ל, כִּי צְרִיכִין לִזָּהֵר מְאֹד לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף**

**כִּי הָאָדָם** ווייל דֶער מֶענְטְשׁ, **כְּפִי תְּנוּעוֹתָיו** לוֹיט זַיין אוֹיפְפִירוּנְג **וּכְפִי הִתְחַזְּקוּתוֹ בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ** אוּן לוֹיט וִויפִיל עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – **כֵּן גּוֹרֵם לְיַחֵד הַשֵּׁמוֹת לְמַעְלָה** אַזוֹי בְּרֶענְגְט עֶר צוּ עֶס זָאל זִיךְ צַאמְשְׁטֶעלְן דִי שֵׁמוֹת אוֹיבְן אִין הִימְל, ווייל דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה אוּן אַלֶע וֶועלְטְן, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעהַאנְגֶען אִינֶעם מֶענְטְשׁ, **וּמַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ הַקְּדֻשָּׁה מִשָּׁם** אוּן עֶר צִיט צוּ זִיךְ דִי קְדוּשָׁה פוּן דָארְט, **וְהָבֵן הֵיטֵב** אוּן פַארְשְׁטֵיי גוּט, אַז אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אָפּ אִין אַלֶע וֶועלְטְן אִיז אַלֶעס אָנְגֶעהַאנְגֶען אִין דִיר, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקה), וֶוען אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט מִיט דִי הַאנְט אַזוֹי, וֶוערְט אַזוֹי אִין אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן אַז עֶר מַאכְט אַזוֹי מִיט דֶער הַאנְט וֶוערְט אַזוֹי אִין אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן אַז מֶען וָואלְט וֶוען אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אַ מֶענְטְשׁ צוּ זֶען זַיין פְּנִימִיּוּת – וָואלְט מֶען גֶעזֶען וִוי אִין יֶעדֶע אָדֶער פוּן זַיינֶע אָדֶערְן זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער וֶועלְטְן, עַיֵּן שָׁם.

**וְהִנֵּה מְבֹאָר לְעֵיל** אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט, **שֶׁעַל יְדֵי הַדְּמִימָה וְהַשְּׁתִיקָה** אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען שְׁוַוייגְט אָפּ, **שֶׁשּׁוֹתְקִין לַחֲבֵרוֹ כְּשֶׁמְּבַזִּין אוֹתוֹ** וֶוען דֶער חָבֵר פַארְשֶׁעמְט אִים שְׁוַוייגְט עֶר אָפּ, עֶר לַיידְט אוּן נֶעמְט אָן דִי בִּזְיוֹנוֹת – **עַל יְדֵי זֶה זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה** דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ תְּשׁוּבָה, **שֶׁהִיא בְּחִינַת כֶּתֶר** וָואס דָאס אִיז אַזוֹי וִוי דִי קְרוֹין, דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן 'כֶּתֶר', **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט (אוֹת ב' אוּן אוֹת ג'), **עַיֵּן שָׁם** קוּק עֶס נָאךְ, **כִּי** ווייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ג, יג): **'סְיָג לַחָכְמָה'** אַ גֶּדֶר אוּן אַ קְרוֹין צוּ דִי חָכְמָה – **'שְׁתִיקָה'** דָאס אִיז שְׁוַוייגְן, ווייל דוּרְךְ שְׁוַוייגְן, לַיידְן אוּן וַוארְטְן – קוּמְט מֶען אָן צוּ דִי הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן כֶּתֶר, **כַּנַּ"ל** אַזוֹי וִוי אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט. אוּן וִוי אַזוֹי הָאט מֶען דֶעם כֹּחַ צוּ שְׁוַוייגְן וֶוען מֶען פַארְשֶׁעמְט אִים? דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען אִיז זֵיי דַן לְכַף זְכוּת, **כִּי צְרִיכִין לִזָּהֵר מְאֹד לָדוּן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת** ווייל מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר גֶעוָוארֶענְט

**זְכוּת, וַאֲפִלּוּ הַחוֹלְקִים עָלָיו וּמְבַזִּין אוֹתוֹ, צָרִיךְ לְדוּנָם לְכַף זְכוּת וְלִשְׁתֹּק לָהֶם, וְעַל־יְדֵי־זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת כֶּתֶר. כַּמּוּבָא בַּמִּדְרָשׁ: 'מָשָׁל לְאֶחָד, שֶׁמָּצָא אֶת חֲבֵרוֹ שֶׁהוּא עוֹשֶׂה כֶּתֶר. אָמַר לוֹ: בִּשְׁבִיל מִי, אָמַר לוֹ: בִּשְׁבִיל הַמֶּלֶךְ. אָמַר לוֹ: כֵּיוָן שֶׁהוּא לְצֹרֶךְ הַמֶּלֶךְ, כָּל אֶבֶן טוֹב שֶׁתִּמְצָא, תִּקְבָּעֶנּוּ בּוֹ' (וַיִּקְרָא־רַבָּה פָּרָשָׁה ב), כָּךְ כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל הוּא בְּחִינַת כֶּתֶר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְצָרִיךְ לְהַכְנִיס בּוֹ כָּל מִין אֲבָנִים טוֹבוֹת שֶׁאֶפְשָׁר לִמְצֹא, דְּהַיְנוּ שֶׁצְּרִיכִין לְהִשְׁתַּדֵּל לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ אַחַר כָּל צַד זְכוּת וְדָבָר טוֹב שֶׁאֶפְשָׁר לִמְצֹא בְּיִשְׂרָאֵל, וְלָדוּן אֶת הַכֹּל לְכַף זְכוּת, כִּי הֵם בְּחִינַת כֶּתֶר**

צו טְרַאכְטְן גוּט אוֹיף יֶעדְן מֶענְטשׁ, **וַאֲפִלּוּ הַחוֹלְקִים עָלָיו וּמְבַזִּין אוֹתוֹ** אוּן אֲפִילוּ דִי מֶענְטשְׁן וָואס קְרִיגְן אוֹיף אִים אוּן פַארְשֶׁעמֶען אִים, **צָרִיךְ לְדוּנָם לְכַף זְכוּת** דַארְף מֶען זַיי אוֹיךְ דַן זַיין לִזְכוּת, מֶען דַארְף טְרַאכְטְן גוּט אוֹיף זַיי, **וְלִשְׁתֹּק לָהֶם** אוּן אָפְּשְׁוַוייגְן, **וְעַל יְדֵי זֶה** אוּן דוּרְכְדֶעם, **נַעֲשֶׂה בְּחִינַת כֶּתֶר** קוּמְט עֶר אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, צוּם קְרוֹין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן כִּבְיָכוֹל. **כַּמּוּבָא בַּמִּדְרָשׁ** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ (וַיִּקְרָא רַבָּה ב, ד): **'מָשָׁל לְאֶחָד, שֶׁמָּצָא אֶת חֲבֵרוֹ שֶׁהוּא עוֹשֶׂה כֶּתֶר'** עֶס אִיז אַ מָשָׁל צוּ אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעזֶען אֵיינֶעם מַאכְן אַ קְרוֹין, **'אָמַר לוֹ'** הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: **'בִּשְׁבִיל מִי'** פַארְוֶועם מַאכְסְטוּ דֶעם שֵׁיינֶעם קְרוֹין? **'אָמַר לוֹ'** הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: **'בִּשְׁבִיל הַמֶּלֶךְ'** פַארְן קֶענִיג, **'אָמַר לוֹ'** זָאגְט עֶר אִים: **'כֵּיוָן שֶׁהוּא לְצֹרֶךְ הַמֶּלֶךְ'** וִויבַּאלְד דִי קְרוֹין וָואס דוּ מַאכְסְט אִיז פַארְן קֶענִיג, **'כָּל אֶבֶן טוֹב שֶׁתִּמְצָא'** יֶעדְע שֵׁיינֶע שְׁטֵיין וָואס דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן, **'תִּקְבָּעֶנּוּ בּוֹ'** זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִינֶעם קְרוֹין, **'כָּךְ אָמַר לוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְמֹשֶׁה'**, אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, **'כָּל מַה שֶּׁאַתָּה יָכוֹל לְשַׁבֵּחַ אֶת יִשְׂרָאֵל'** וִוי מֶער דוּ קֶענְסְט לוֹיבְּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, **'שַׁבַּח'**, זָאלְסְטוּ זַיי אוֹיסְלוֹיבְּן, **'לְגַדְּלָן וּלְפָאֲרָן'**, וִוי מֶער דוּ קֶענְסְט זַיי גְרוֹיסְן אוּן זַיי בַּאשֵׁיינֶען - **'פָּאֵר'** טוּ זַיי בַּאשֵׁיינֶען, **'לָמָּה'** פַארְוָואס? **'שֶׁאֲנִי עָתִיד לְהִתְפָּאֵר בָּהֶם'**, וַוייל אִיךְ גֵיי זִיךְ מִיט זַיי בַּארִימֶען, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מט, ג): **'וַיֹּאמֶר לִי עַבְדִּי אַתָּה יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּךָ אֶתְפָּאֵר'** (וַיִּקְרָא־רַבָּה פָּרָשָׁה ב), **כָּךְ כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל הוּא בְּחִינַת כֶּתֶר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** אַזוֹי אוֹיךְ אִיז יֶעדֶער אִיד אַ קְרוֹין פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, **וְצָרִיךְ לְהַכְנִיס בּוֹ כָּל מִין אֲבָנִים טוֹבוֹת** אוּן מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אִין אִים יֶעדְע מִין טֵייעֶרֶע שֵׁיינֶע שְׁטֵיין - **שֶׁאֶפְשָׁר לִמְצֹא** וָואס מֶען קֶען נָאר טְרֶעפְן, **דְּהַיְנוּ** דָאס הֵייסְט, **שֶׁצְּרִיכִין לְהִשְׁתַּדֵּל** מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן, **לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ** צוּ זוּכְן אוּן נִישְׁטֶערְן, **אַחַר כָּל צַד זְכוּת וְדָבָר טוֹב שֶׁאֶפְשָׁר לִמְצֹא בְּיִשְׂרָאֵל** נָאךְ יֶעדְע וֶועג וִוי מֶען קֶען טְרַאכְטְן גוּט אוֹיף אִידְן, **וְלָדוּן אֶת הַכֹּל לְכַף זְכוּת** אוּן יֶעדְן אֵיינֶעם דַן זַיין לִזְכוּת, **כִּי הֵם בְּחִינַת כֶּתֶר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**

לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנִּזְכָּר לְעֵיל. וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'הֱוֵי דָן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת'.

**נִמְצָא,** שֶׁעַל יְדֵי שֶׁדָּנִים אֶת הַכֹּל לְכַף זְכוּת, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה שׁוֹתְקִין לוֹ כְּשֶׁמְּבַזֶּה אוֹתוֹ, כִּי מוֹצְאִין בּוֹ זְכוּת, שֶׁאֵינוֹ חַיָּב כָּל כָּךְ כַּמָּה שֶׁמְּבַזֶּה אוֹתוֹ, כִּי לְפִי דַּעְתּוֹ וּסְבָרָתוֹ נִדְמֶה לוֹ שֶׁרָאוּי לוֹ לְבַזּוֹת אוֹתוֹ וְכוּ', עַל־יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת כֶּתֶר, הַיְנוּ כַּנַּ"ל, שֶׁעַל־יְדֵי הַדְּמִימָה וְהַשְׁתִּיקָה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת כֶּתֶר, כַּנַּ"ל. וְהָבֵן:

ווייל זיי זֶענֶען אַזוֹי ווי אַ קְרוֹין פַּארְן אייבֶּערְשְׁטְן, כַּנִּזְכָּר לְעֵיל אַזוֹי ווי אויבן אויסגֶעשְׁמוּעֶסְט, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה און אַזוֹי ווי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז (אָבוֹת א, יג): 'הֱוֵי דָן אֶת כָּל אָדָם' זָאלְסְט דַן זַיין יֶעדְן אֵיינֶעם – לְכַף זְכוּת' צום גוּטְן, זָאלְסְט טְרַאכְטְן אויף יֶעדְן אֵיינֶעם גוּט.

**נִמְצָא** קוּמְט אוֹיס, שֶׁעַל יְדֵי שֶׁדָּנִים אֶת הַכֹּל לְכַף זְכוּת אַז מֶען טְרַאכְט אויף יֶעדְן אֵיינֶעם גוּט, שֶׁעַל יְדֵי זֶה שׁוֹתְקִין לוֹ כְּשֶׁמְּבַזֶּה אוֹתוֹ וֶועט עֶר דוּרְכְדֶעם אָפְּשְׁוַוייגְן וֶוען מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק קְרִיגְן, כִּי מוֹצְאִין בּוֹ זְכוּת ווייל עֶר טְרֶעפְט אִין אִים אַ זְכוּת, שֶׁאֵינוֹ חַיָּב כָּל כָּךְ כַּמָּה שֶׁמְּבַזֶּה אוֹתוֹ אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג מִיט דֶעם וָואס עֶר פַארְשֶׁעמְט מִיר, כִּי לְפִי דַּעְתּוֹ וּסְבָרָתוֹ ווייל לוֹיט יֶענֶעמ'ס מֵיינוּנְג, נִדְמֶה לוֹ דַאכְט זִיךְ אִים, שֶׁרָאוּי לוֹ לְבַזּוֹת אוֹתוֹ וְכוּ' אַז עֶר דַארְף מִיךְ פַּארְשֶׁעמֶען אוּן מִיךְ רוֹדְפְ'ן, יֶענֶער מֵיינְט אוֹיךְ אַז זַיין כַּוָּנָה אִיז נָאר גוּטְס, עַל יְדֵי זֶה נַעֲשֶׂה בְּחִינַת כֶּתֶר דוּרְךְ דֶעם קוּמְט עֶר צוּ די הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה פוּן כֶּתֶר, הַיְנוּ כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אויבן אויסגֶעשְׁמוּעֶסְט, שֶׁעַל יְדֵי הַדְּמִימָה וְהַשְׁתִּיקָה אַז דוּרְךְ אָפְּשְׁוַוייגְן – נַעֲשֶׂה בְּחִינַת כֶּתֶר קוּמְט מֶען צוּ די מַדְרֵיגָה פוּן כֶּתֶר, כַּנַּ"ל אַזוֹי ווי אויבן אויסגֶעשְׁמוּעֶסְט, וְהָבֵן אוּן פַּארְשְׁטֵיי גוּט צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אויף די וֶועלְט, אָנְצוּקוּמֶען צוּ די הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה פוּן 'כֶּתֶר' אוּן צוּ די מַדְרֵיגָה פוּן 'אָדָם הַיּוֹשֵׁב עַל כִּסֵּא' – דוּרְךְ שְׁוַוייגְן, אוּן מְקַבֵּל זַיין די בִּזְיוֹנוֹת, אוּן דוּרְךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן די ווילְן, אֲפִילוּ מֶען זֶעט ווי מֶען הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן, דָאךְ לָאזְט מֶען נִישְׁט אָפּ דֶעם ווילְן, מֶען לֶעבְּט מִיט די הֵיילִיגֶע שֵׁם פוּן אֶ־קֶ־יֶ־ק, אַז מֶען צִיט זִיךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען ווייל זַיין גוּט; אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ צַאמְשְׁטֶעלְן די א', אוּן מֶען שְׁפִּירְט אויף די וֶועלְט די אַיינְגֶענֶעמֶע, גֶעשְׁמַאקֶע, זִיסֶע, לִיכְטִיגְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

# מהדורת שמן

הספר הקדוש הזה נתנדב לזכר נשמת

אבינו רועינו **מרן מוהרא"ש** זצוק"ל

זכותו הגדול יגן עלינו תמיד

~~~

לזכות

מוה"ר **אליעזר שמן** הי"ו

וזוגתו **חנה פרומט** תחי'

וילדיהם **יואל, צבי-ה** שיחיו

הקדוש ברוך הוא ימלא כל משאלות לבם לטובה,
ויתברכו מפי עליון בבני, חיי, ומזוני רוויחא

וזכות רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים, יגן
וימליץ בעדם תמיד, אמן כן יהי רצון
~~~